START

# CONTROL TEST TARGET
# for Kodak Quality Monitoring




Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT
IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

# YIDDISH DRAMA

# PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1873.13

Goldfaden, Abraham.
Fanatik
Di beyde Kuni-Lemels:
opereta in 4 akten un 8
bilder.
Varsha, 1905.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1873.13

**Goldfaden, Abraham, 1840-1908.**
Fanatik
Di beyde Kuni-Lemels : opereta in 4 akten un 8 bilder.
Varsha: Y. Lidski, 1905.
62 p.; 20 cm.
Goldfadens theater magazin.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Poland-Warsaw.

ID: NXYH00-B2657 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL: /106057

Reduction ratio x 10.0

## גאָלדפאַדענס טהעאַטער מאַגאַזין.

די ביידע

# קני-לעמיל

אָפּערעטאַ אין 4 אַקטען אונ אין 8 בילדער

פערפאסט פאָן

## אברהם גאָלדפאַדען

(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צוא דער פּיעסע
זענגען צוז סענגעשטעלט פון דעם פערפאָססער).

---

פערלאג י. לידסקי בוכהענדלער, ווארשא נאלעווקי 32.

ווארשא. תרס"ה.
דרוק: ש. ב. לאנדא. נאלעווקי 38.

Еврейскій театръ Гольдфадена.

**КУНИ-ЛЕМЕЛЯ**

Сочиненіе

Авраама Гольдфадена.

ВАРШАВА 1905.
Типографія Ш. Б. ЛАНДЕ, Налевки № 38.

גאלדפאדענס טהעאטער מאגאזין.

די ביידע

# קני-לעמיל

אָפּערעטאַ אין 4 אַקטען אונ אין 8 בילדער

פערפאסט פאָן

## אברהם גאלדפאדען

(דיא מוזיק, דיא קאָסטיומען און דיא דעקאָראַציאָנען צוא דער פּיעסע ווענען צוזאַמענגעשטעלט פֿון דעם פֿערפֿאַססער).

פערלאג י. לידסקי בוכהענדלער, ווארשא נאלעווקי 32.

ווארשא. תרס"ה.

דרוק: ש. ב. לאנדא. נאלעווקי 38.

Еврейскій театръ Гольдфадена.

**КУНИ-ЛЕМЕЛЯ**

Сочиненіе

Авраама Гольдфадена.

ВАРШАВА 1905.

Типографія Ш. Б. ЛАНДЕ, Налевки № 38.

| | |
|---|---|
| **Дѣйствіе 1-е Картина 1-я** | **1 אקט 1 בילד** |
| **Субботный ужинъ** | **דיא מלוה מלכה** |
| **Картина 2-е** | **2 בילד** |
| **Свиданіе на булварѣ** | **דער ראנדעוואו אויף דעם בולעווארד** |
| **Дѣйствіе 2-е Картина 3-я** | **2 אקט 3 בילד** |
| **Не хватай!** | **טאפ נים!** |
| **Картина 4-я** | **4 בילד** |
| **Еврейскій факелцугъ въ праздникѣ „Гошана Рабба“** | **דער יודעשער פאקעלצוק אים הושענא רבה** |
| **Дѣйствіе 3-е Картина 5-я** | **3 אקט 5 בילד** |
| **Оба Куне-Лемели или а, кто я?** | **דיא ביידע קוני לעמיל אדער — ווער בין איך? —** |
| **Картина 6-я** | **6 בילד** |
| **Явленіе мертвыхъ** | **דיא מתים —** |
| **Дѣйствіе 4 Картина 7-я** | **4 אקט 7 בילד** |
| **Вотъ такъ, я есть Куне-Лемель!** | **אזוי איך בין קוני לעמיל —** |
| **Картина 8-я** | **8 בילד** |
| **Фанатикъ сдѣлается просвѣщеннымъ или бесѣда съ студентами въ саду.** | **דער פאנאטיקער ווערט אויפגעקלערט — אדער — דיא אונטערהאלטין פון דיא סטודענטין אין גארטען.** |

Pere 48H

**Дозволено Цензурою**
**Варшава 9 Ноября 1904 г.**

# פערזאהנען.

**ר' פנחסיל** א פיינער יוד א סוחר חסידיש געקליידט—אין ערשטין און אין דריטען אקט טרוגט ער א חאלאט מיט א יארמעלקע אויפין קאפ — אין פירטען אקט — איין אטלעסנע קאפאטע מיט א שטריימיל —רעדט לאנגזאם.

**רבקה.** זיין ווייב טראגט א רויטען פאריק — נאר זיא איז מעהר וועלטליך — פין א יאהר 40 .

**איהלע.** זייער טאכטער א מעדכען פין א יאהר 17 .

**ר' שלומ'ניא.** א פיינער גאליציאנער יוד פין קראקוי— טראגט זיך לאנג געקלייד — מיט א צילינדער אויף דעם קאפ .

**קנר' עמיל.** זיין שטיפזאהן — א חסדיל פין א יאהר 20 בלינד אויף איין אויג, קרום אויף א פים און זאהיקעטזיך ביים ריידין טראגט א שווארצין קאליבדיגען קאפעליש אויפין קאפ .

**קלמן שדכן.** א יוד פון א יאהר 40 —רעדט זייער גיך נאר בייטליך און שמעקט אפט טאבאק ;

**ליבעניא.** זיין טאכטער א מיידיל פון א יאהר 19 בהמהואטע .

**מאקס.** סטודענט פון דער אוניווערסיטעט א יונגערמאן פון א יאהר 22 .

חסידים—סטודענטען — מתים — געסט — יונגעלעך .

דיא צווייטע העלפט פון 2-טען אקט קומט פאהר אין קראקוי — דיא אללע איבריגע אקטען—קומען פאהר אין אדעססא .

---



# ערשטער אקט

## ערשטע סצענע

### ערשטעס ביל

(שטעלט פאר ר' פנחסיל'ס צימער, ניט קיין ארימעס, מיט אייניגע מעביל, ארום א לאנגען טיש וועלכער שטעהט אין דער מיטט צימער, און אויף וועלכען עס שטעהן אויס געשטעלט, פלעשליך מיט בראנפען— גלעזליך טעלער, לעפיל, גאפלין, מעססערס, און חלות, זיצען א סך חסידים און זינגען — וועהרענד זייא זינגען קלאפען זייא צו מיט דיא גאפלין אין דיא גלעזליך צום טאקט, ר' פנחסיל זיצט אויבען אן, פאר גלאצט אללע מאהל מיט דיא אויגען)

**אללע.**

מיר יהודימליך
כשר'ע חסידימליך
פאלגען זיין ליעבען נאהמען זאגטשע יאה,
דער רבי איז אונזער חיות
אבער דיא הולטייעס
ווייסען ניט פון דעם תענוג יאה,

אוי אוי אוי אוי!

שבת, יום טוב פארשטערן זייא זיך אליין
דאיז איבעריג, זאגען זייא, ס'איז ניט שעהן
אוי אונז איז גוט
א יעדער מינוט
איי דא א סעודה'לע
דאס פליאשקעלע

מיט דעם משקה'לע
און דערצו א ליעדעלע
אוי עסט זשע, טרינקט זשע, לעקטשע, נאשט זשע,
זיפטשע אללע אן א מאס
זינגטשע, טאנצט זשע, שפרינגט זשע, העפט זשע
פון גאטט'ס וועגען דאס
אוי, אוי אוי אוי אוי.......

---

(וועהרענד זייא זינגען אפ, בייסען זייא עטוואס צו דער נאך הייבען זיך אללע אויף פון זייערע פלעצע, זאגען צו ר' פנחסלין)

**אללע.** א גוטע וואך, אגוטע וואך ר' פנחסיל! דער אייבערשטער זאל העלפען גיך און געשווינד בייא אייער טעכטעריל אויף אקנס מאהל!

**פנחסיל.** (וועהרענד זייא לאזען זיך אלע אוועק געהן. באלייט ער זייא און זאגט) א גוטע וואך, אגוט יאהר! געהט געזונדערהייט! (חסידים געהן אוועק.— פנחסיל געהט ארום איבער דער שטוב עטליכע מאהל, קלאפט איין האנד אין דער אנדערער. און זינגט זיך אונטער דעם זעלבען מאטיוו וואס פריהער מיט א פרימער מינע — נאכהער בלייבט ער שטעהן. און זאגט) נא, דאנקען גאט! האבין מיר שוין מלוה מלכה אויך געוועהן, מאכטייסע, פאר וואס דען ניט? איינמאהל אין דער וואך האט מען דאס שטיקעלע תענוג פון דער מלוה מלכה. איז טאקע זעהר כדאי זיך משמח צו זיין, חלעבין א תענוג. מע נעהבט טאקע דער בייא א יודיש ווארט אויך אין מויל אריין, הייגט פשוט האט מען טאקע אלליין אויך א הנאה, זעהר וואהל, זעהר וואהל! (פויזע) אט זענען זייא אוועק געגאנגען און האבין מיר צו געווינשען. אן גיבע צייטען בייא אייער טעכטעריל אויף אקנס מאהל' (נאכדענקענד) יאה, בייא מיין טאכטעריל אויף אקנס מאהל! (ער גיט א זיפץ) אוי איך וואלט עס אפשר טאקע געקאנט דער לעבין, און איהר כשר'ע יודען וואלטין אויך געבין מיר אביסעלע אונטער לעבין, נאר ווען זשע? ווען איך זאל איהר קאנען חתונה מאכען מיט איינעם פון אונזערע לייט, דאס הייסט מיט א כשר'ין! (מיט אגמרא ניגון) וואס טהוט מען אבער אוי אוי אז זיא וויל גאר א טריפה'ן? (פויזע) מיילא דאס וואס זיא וויל וואלט מיך נאך אזוי פיעל ניט געהארט. ווייל איך האב אויך א דעה, איך בין נאך אויך א טאטע ביז 120 יאהר — ביטער איז מיר וואס איהר מוטער



אללייו האט זיא קאליע געמאכט מיט דעם וואס זיא האט זיא געוואלט לערנען בייא דעם לעהרעריל. דעם דייטש וואס ער שטאמבירט אין דיא קעפלעך. און פאר איהר איז אלסדינג רעכט. וואס זשע קאן איך מאכען. שרייא הייגט שרייא מארגען, שרייא, שרייא, שרייא! ער באמערקט ניט וויא רבקה איז אריין בעקומען — און וויל רעדען ווייטער)

## צווייטע סצענע

(רבקה קומט אריין פון דער טהיר לינקס בלייבט שטעהן איינינע סעקונדען, באטראכטעט פינחסלין, און וויא ער זאגט דיא ווערטער „שרייא שרייא" געהט זיא צו צו איהם, פנחסיל ווערט בודטא וויא דער שראקען רוקט זיך אוועק פון איהר)

**רבקה.** וואס, שוין וויעדער געשריגען, פנחסיל?

**פנחסיל.** ניין, ניין, איך שרייא שוין ניט. אז דוא ביסט דא, גיב איך דיר איבער דיא מלאכה. דוא קאנסט דאך בעסער שרייען פון מיר. נא שרייא זשע ביז 120 יאהר....

**רבקה.** יאה, איך וועל טאקע שרייען. און פאר וואס זאל איך ניט שרייען? אז דוא זעהסט אז דאס קינד איז עפעס ניט מיט אללעמען, און דיך הייבט עס ניט אן צו הארין, געטרייער טאטע מיינער!

**פנחסיל.** (איראניש) אזוי? דאס קינד איז ניט מיט אללעמען. נא שיק זשע איהר אריין רופען מאקיסלין דאס לעהרעריל. וואס ער שטאמבירט זיא, וועט זיא שוין האבען ארפואה שלימה....

**רבקה.** (אויך איראניש) קוק עם נאר אן מיין פרימען חסידישען מאנן.

**פנחס.** (ערנסטער) הער זשע אוים רבקה, איך ווינטש מיר ניט צו זיין קיין שותף מיט דיר אויף יענער וועלט. וואס מע וועט דיר דערפאר טהון, ווארום, דיר, נאר דוא אללייו האסט דאס קינד קאליע געמאכט. דיא האסט זיא אויף געצויגען אויף דיין סטריה, און נאר דורך דיר איז זיא געווארען אוים געלאסען!

**רבקה.** (קרימט זיך איהם נאך) אוים געלאסען? (צו לאכט זיך) צו דיין קאפ דוא משוגענער חסיד!

**פנחסיל.** איך פרעג דיך אללייו רבקה, הייסט דאס ניט אוים געלאסען אז זיא הייסט שוין נאר צו שפיעלען ליאבקעס, און נאך מיט וועהמען? מיטן יאקטארים סינאק!... א יהום א גרויסער, יאקטאר בן יאקטאר!...

**רבקה.** (מיט א איראנישען שמייכיל) א א, אט דאס שטעכט דיך אודאי. נא זאג דיר שטעהט עס נאך אפשר ניט אן?

**פנחס.** ניין, רבקה (קלאפט איין האנד אין דער אנדערער) וויא פיעל איך וועל לעבין וועל איך ניט דערלאזען אז מיין קינד זאל שפיעלען ליאבקעס (פוזע— דער נאך גיט ער זיך וויא א חאפ אויף, און גיט מיט אמאהל א זאג) זאג נאר מיין טהייערע פלוניתטע, איידער מיר האבען חתונה געהאט, האבען מיר אויך געשפיעלט — וויא זאגט מען עס — אט אין דיא פארליעבעניששען? זאל מיך גאט שומר ומציל זיין! איך ווייס איך האב דיך פריער ניט ליעב געהאט, און האב דיך היינט אויך ניט ליעב, נא שאדט עס מיר עפעס? בין איך דען ניט ב"ה א שעהנער יוד, א שעהנער עושר גאר אן ליעבע, שמיעבע, הא? — איך וואלט נאר גערין געוואוסט צו וואס טויגען זייא גאר אין גאנצען אט דיא פיסטע זאכען, איך מיין — וויא רופט מען זייא — אט דיא פארליעבענישען? אדרבא צו וואס קומט עס צו ניץ? צום מסחר, מע קען עפעס פארדינען געלד פון דעם? צו עס טראגט עפעס איין פראצענט, באמת טאקע, וואס?...

**רבקה.** גיה צון אלדע שווארצע יאהר, דוא משוגענער חסיד, בייא דיר אבי קיין מסחר, טויג ניט, אבי דוא פארדינסט ניט, קומט עס ניט צו נוטץ, פון דעסטוועגין איז נאך דא אזוינע צייטען וואס דוא גיסט אוועק דיין געלד גאר אומזיסט, און נאך מיט אזא שמחה — אט וויא למשל דעם רבין דיינעם...

**פנחס.** (הייבט אויס אן צו ציטערין פאר כעס, און זאגט מיט א געשרייא) רבקה! דיינע טריפה'נע ליפפען זאלסט דוא מיר גאר דעם רבין ניט דערמאנען, ווארין וויא קאנסטו גאר וויסען וואס א רבי באטייט, ביסט דאך ניט מעהר וויא א זינדיגע בהמה, א פרה אדומה!...

**רבקה.** אוודאי איך א בהמה אז איך דארף לערנין שכל אזא אלט פערד וויא דוא ביסט...

**פנחס.** (עטוואס געלאסענער) א יאה? א שעהנעם כבוד האב איך בייא דיר? צווישען אזוי פיעל מענשען רופסטו מיך פערד, איך וואס בין אין דער גאנצער שטאט באקאנט פאר אזא גרויסען...

**רבקה.** (זאפט פריהער אויס) אקס!

**פנחס.** חאפ ניט אויס רבקה, פאר אזא גרויסען עושר האב איך געוואלט זאגען. היינט פארגעס ניט, אז איך בין געוועהן ביים רבין גבאי און ארום מיר פלעגין טאנצין אזוי פיעל...

**רבקה.** פערד!

**פנחסיל.** ניין החסידים! נא וואס זאגט מען צון איהר? ס'איז בייא איהר גאר אלץ איינס חסידים מיט פערד! (באטראכט זי בייז) נאר ווס האב איך מיט דיר צו טענה'ן?



איך ווייס דאך וואס דוא מיינסט, נאר הער זשע אויס רבקה, וואס דוא וועסט זיך איינשפארין, און וועלען אויס פיהרען, הארט מיך ניט, נאר אויס קלויבין א חתן פאר אונזער טעכטעריל וועגין, דאס איז...

**רבקה.** מיין עסק...

**פנחסיל.** ניין דאס איז מיין עסק, לאז מיך אויס רעדין, חאפ ניט אויס! איך וועל איהר געבין א חתן וואס גאט און לייט וועלין אונז מקנא זיין, קלמן שדכן האט מיר געזאגט אז ער וועט נאך היינט זיין בייא מיר, ער האט פון מיינעט וועגין א חתן — רבקה, איך זאג דיר אז דוא וועסט זיך אליין מחיה זיין, מאל דיר דעם שאחרייעוקער פרנס חודש א זוהן! איך זאג דיר א חתן, א מין...

**רבקה.** פליאסקעדריגע...

**פנחסיל.** ניין, א מין אבן טוב, זעהסטו רבקה, א דאס...

**רבקה.** וועסטו האלטין פון דיינעט וועגין, און דוא ווייסט דאך אז תמיד בלייבט מיין דעה, (פנחסיל דיא גאנצע צייט וואס זיא רעדט מאכט ער כסדר מיט דער האנט גלייך וויא ער וויל ניט אויס הערען. און שרייט, חאפ ניט אויס רבקה, לאז מיך רעדען' רבקה הערט איהם ניט און רעדט וויטער) איך וועל אונזער טעכטעריל גיבען א חתן, א זעלכען וואס איהר וועט געפעלין, ניט אזוינעם וואס וועט דיר געפעלין, און מן הסתם וואס איהר וועט געפעלין, וועט דאך מיר אויך געפעלין, איי דיר וועט ניט געפעלין, נא...

**פנחס.** נא וועט דאך טאקע גאר ניט זיין, ווייל דיא גאנצע דעה איז דאך...

**רבקה.** נאר בייא מיר, בייא מיר... (אזוי שרייענדיק געהט זיא אוועק אין דעם ציממער לינקס).

**פנחס.** (געהט איהר נאך ביז צו דער טהיר, און שרייט איהר נאך) ניין בייא מיר, בייא מיר!... (בלייבט שטעהן און קוקט אויף דער טהיר אין וועלכער זיא איז אריין געגאנגען. נאכדעם גיט ער א שפייא) טפוא! (געהט איבער דיא שטוב עטליכע מאהל) נא וואס זאגט מען צו מיין פלוניתטע אט האט זיא אדם נעהאפט אין גאנצען און איז אנטלאפען געווארין (פויזע) וואס טהוט מען מיט איהר? שלעכט! — איך ווייס וואהל אז זיא נעהמט זיך עפעס אין קאפ אריין איז פארפאלען, נאר איך וועל זיא דען הערין? איך וועל מיר לאזען פארפלעקין מיין משפחה, אט מיט דעם יאקטארס סינאק וואס דארף באלד קוועטשין א דפק, ניין מיינער וועט בעסער קוועטשין דיא באנק! — לאז נאר קומען ר' קלמן שדכן, איך וועל איהם נאר פרעגין צו מיין חתנים פאטער דארף טאקע באמת ווערין גבאי אין שוהל, און אויב יאה, וועל איך גאר קיין סך שאלות ניט פרעגין און וועל באלד צו קלאפען א מזל טוב!...

## דריטע סצענע

(קלמן שדכן קומט אריין פֿון דער מיטט טהיר, גיט א קוש די מזוזה און זאגט)

**קלמן.** יאָה, יאָה אַ מַזָל טוב. אַ מַזָל טוב. חַאפְּט זְשֶׁע נִיט!

**פנחס.** (וועלכער האט פריהער ניט באמערקט וויא קלמן איז אריינגעקומען, גיט זיך יעצט אקוק אום — דער זעהט קלמנן) אַ בָּרוּךְ הַבָּא, בָּרוּךְ הַבָּא ר' קַלְמַן מַאקְע גִיט וָואס אִיהר זֶענְט גֶעקוּמֶען, אָט עֶרְשְׁט הָאבּ אִיךְ אַייךְ דֶערְמַאנְט! — אִיךְ רֶעד דָא צוּ מִיר אַלַיין אוּנ טְרַאכְט זִיךְ אַז...

**קלמן.** (שלאגט איהם איבער) אַז וָואס חַאפְּט זְשֶׁע נִיט, אַז מִן הַסְתָם אַז קַלְמַן שַׁדְכָן מִישְׁט זִיךְ אַרַיין אִיז דָאךְ גוּט. וָוארוּם קַלְמַן שַׁדְכָן וָועט דָאךְ צְווִישֶׁען פְּרָאכְטְּע מֶענְשֶׁען קֵיין שִׁדוּךְ נִיט אוֹיסְפִיהְרֶען, אִיךְ בִּין מִיךְ נָאר מִתְעַסֵק מִיט גוּטֶע יוּדֶען אוּנ מִיט רַבָּנִים, נָאר ווייל אִיהר זֶענְט ר' פִּנְחָסִיל חַאפְּט נִיט. הָאבּ אִיךְ אוֹיס גֶעזוּכְט פוּן אַיְיעֶרְט וֶועגִין אַ הֶתְגַדִיל הַאפְּט זְשֶׁע נִיט, זָאג אִיךְ אַייךְ נָאר אַן אַנְטִיק, פַארְגֶעסְט נִיט אַ יוּנְגֶער מַאנְן וָואס וֵוייסְט מֶעהר נִיט נָאר גָאט אוּנ צִיצִית אוּנ דֶעם רֶבִּין חַאפְּט נִיט, אוּנ אַ גַאנְצִין טָאג טְרָעט עֶר נִיט אַרוֹיס פוּנֶעם רֶבִּינְס קְלַייזִיל. חַאפְּט נִיט, וָוארוּם צוּרַת מַטְבֵעַ ווייסְט עֶר דֶען? הַלְוַואי גָאט זָאל מְזַכֶּה זַיין אַלֶע חֲסִידִים מִיט אַזוֹיגֶע קִינְדֶער חַאפְּט נִיט!

**פנחסיל.** אִיךְ וֶועל אַייךְ זָאגֶען ר' קַלְמַן, אִיהר ווייסְט דָאךְ אַז מַיין טֶעכְטֶערִיל חַיָהלֶע אִיז בַּייא מִיר אַ...

**קלמן.** אַ בַּת יְחִידָה חַאפְּט נִיט.

**פנחס.** אוּנ אִיךְ גִיבּ אִיהר 1000...

**קלמן.** 1000 רֶענְדְלִיךְ נְדָן חַאפְּט נִיט.

**פנחס.** אוּנ אִיהר אַלַיין וֶועט זִיךְ אוֹיךְ נִיט נַארֶען, אִיהר וֶועט אוֹיךְ חַאפֶּען...

**קלמן.** אַ שֶׁעהן שַׁדְכָנוּת גֶעלְד חַאפְּט זְשֶׁע נִיט.

**פנחסיל.** רבש״ע חַאפְּט זְשֶׁע נִיט, אוּנ חַאפְּט זְשֶׁע נִיט, אוּנ אַלַיין חַאפְּט אִיהר אוֹיס אִין גַאנְצֶען.

**קלמן.** אִיהר זָאגְט דָאךְ אַלַיין אַז אִיךְ וֶועל חַאפֶּען אַ שֶׁעהן שַׁדְכָנוּת גֶעלְד אַבִּי אִיךְ זָאל אַייךְ נָאר גִיבֶּען, דָאס וָואס אִיהר מַיינְט, אוּנ אִיךְ ווייס....

**פנחסיל.** (מיט א שמחה) אָה, אָה, אָה!

**קלמן.** הָא הָא הָא! חַאפְּט זְשֶׁע נִיט, אָט דָאס זָאג אִיךְ דָאךְ אַייךְ אַז אַיין קְנֵי לָעמִיל אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּנ אַייךְ אִיז עֶס בַּאשֶׁערְט דִיא כְּשֵׁרֶ׳ע מְצִיאָה אוֹיס צוּ חַאפֶּען, חַאפְּט זְשֶׁע נִיט פַאקֶע בֶּע, עֶר אִיז נִיט אַזוֹי שֶׁעהְן.



צוּ זֶעהְן אִיךְ עֶר הָאט אַפָּאר קְלַיינֶע חֶסְרוֹנִימְלִיךְ, נָאר דָאס ווייסְט אִיהר דָאךְ מִן הַסְתָם ר' פִּנְחָסִיל, אַז דִיא שְׁאַלִיבֶּץ וַוארְפְט מֶען אָוועק. אַבִּי דֶער יַאנְגְעֶר אִיז גוּט׳ וָוארוּם חָלֶעבִּין וֶוער קוּקְט זִיךְ נָאר צוּ צוּן אַזוֹינֶע שְׁטוּתִים. פַארְגֶעסְט זְשֶׁע אָבֶּער נִיט וֶוער דֶער פָאטֶער זַיינֶער אִיז, עֶפֶּעס אַ קְלַיינִיקַייט ר' שְׁלוֹמֶענְיָא! רֵאשִׁית אִיז עֶר בַּיים רֶבִּין גַבָּאִי חַאפְּט נִיט! שֵׁנִית אִיז עֶר אִין שְׁטָארְט פַּרְנֵס חוֹדֶשׁ חַאפְּט נִיט! וְהַשְׁלִישִׁית, זֶענֶען אַלֶע שְׁלִישִׁית גֶעלְטִין בַּייא אִיהם אַיינְגֶעלַייגְט, אוּנ וֶוען עֶס גֶערָאט אִיהם נָאךְ אַצוּנְד צוּ וֶוערִין גַבָּאִי אִין שׁוּל...

**פנחס.** אָה, אָה, אָה!...

**קלמן.** אָה אָה אָה! חַאפְּט נִיט!

**פנחס.** יָאה חַאפְּט אִיהר נִיט נָאר — אִין מַחְשָׁבוֹתִין, אִיהר הָאט מִיר אַזוֹי פַארְשְׁלָאגִין דֶעם קָאפּ, אַז אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ עֶפֶּעס גֶעוואָלְט פְרֶעגִין אוּנ הָאבּ פַארְגֶעסֶען. (לעגט ארויף דיא האנד אויפן שטערין אונ טראכט) יָאה וָואס הָאט אִיהר עֶפֶּעס פְרִיהֶער גֶעזָאגְט חֶסְרוֹנוֹת?

**קלמן.** חַאפְּט זְשֶׁע נִיט! הֶערְט אִיהר, דֶערְפַאר וָואס אִיהר חַאפְּט אַזוֹי אוּנ לָאזְט מִיךְ נִיט אוֹיס רֶעדִין, דֶערְפַאר הֶערְט אִיהר דָאךְ נִיט, גוּט אוּנ וֶוער הָאט אַייךְ דֶען חָלִילָה גֶעזָאגְט חֶסְרוֹנוֹת! אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט אַפָּאר קְלַיינֶע חֶסְרוֹנִימְלִיךְ, ווייסִיךְ, עֶפֶּעס דֶערְזֶעהְט עֶר נִיט אוֹיפִין לִינְקֶען אוֹיג, ס׳הֵייסְט אוֹיפִין רֶעכְטִין זֶעהְט עֶר אַסַךְ בֶּעסֶער, אִיז דָאךְ שׁוֹין גוּט חַאפְּט נִיט, צוּ ווייס אִיךְ דָארְט, עֶר הִינְקְט צוּ אַבִּיסִיל אוֹיף אַיין פִּיס, צוּ עֶר רֶעט אַבִּיסֶעל הִינְקִיוַואטֶע, ס׳הֵייסְט עֶר רֶעט פַּאווָאלְיֶע, עֶר חַאפְּט נִיט, אָט דָאס אִיז אִין גַאנְצֶע׳, ווייטֶער אִיז דָאס אַ קְנֵי לָעמִיל, אַזַא יָאהר אוֹיף אַלֶע חֲסִידִים, חוּץ שְׁוַוארְצְקַייט, פַארְגֶעסְט זְשֶׁע אָבֶּער נִיט ר' פִּנְחָסִיל, ר' שְׁלוֹימֶענְיָאס זוּהן...

**פנחסיל.** יָאה מַאקֶע ר' שְׁלוֹמֶענְיָאס זוּהן אָבֶּער...

**קלמן.** אָבֶּער וָואס? חַאפְּט נִיט! פַארְגֶעסְט נִיט אַז אִיהר זֶענְט ר' פִּנְחָסִיל אִיהר זָאלְט אַייךְ מַאכֶען פוּן אַזוֹינֶע נַארִישְׁקַייטֶען אַצִימֶעס? וָואס אִיז פַאקֶע, עֶר דֶערְזֶעהט נִיט אוֹיף אַיין אוֹיג, צוּ עֶר דֶערְגֶעהט נִיט אוֹיף אַ פִּיס, ווייזְט זְשֶׁע מִיר ר' פנחסיל וויא שְׁטֶעהט דֶען עֶרְגִיץ אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ אַז אַ יוּד דַארְף זֶעהן אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגֶען, אָדֶער גֶעהן אוֹיף בֵּיידֶע פִּיס צוּ דֶעסְט גְלַייכֶען, עֶר רֶעט אַבִּיסִיל טְשִׁיפִּילְיָאווֶע, נָא זָאגֶען דֶען אוּנְזֶער מוּסָר סְפָרִים אַז אַיוּד דַארְף רֶעדֶען גְלַייךְ? אַ יוּד דַארְף נָאר ווִיסֶען אַז עֶר אִיז אַיוּד, אוּנ ווייטֶער דַארְף אִיהם נָאר נִיט אָנְגֶעהְן — אִיךְ זָאג אַייךְ ר' פִּנְחָסִיל חַאפְּט נִיט! מַאכְט נִיט קֵיין כַּךְ שֶׁהָיְתָה אוּנ חַאפְּט אוֹיס דֶעם אֶבֶן טוֹב, כְּדֵי מֶע זָאל אִיהם בַּייא אַייךְ נִיט אוֹיס חַאפֶּען, חַאפְּט נִיט!

**פנחס.** מיילא ביי מיר האט איהר שוין געפועלט. איך קוק מיך ניט צו צו דיא שטותים, ביי מיר איז נאר דער עיקר אבי ער איז איין עהרליכער יוד א בעל יחוס, איז שוין גענוג פאר מיר, וואס טהוט מען אבער מיט מיין פלוניתטע אונ מיט מיין טאכטעריל, זייא וועלען דאך אוודאי...

**קלמן.** פילדערין אונ שרייען? האפט זשע ניט! וועלען מיר אזוי טהון. איך וועל אוועק שרייבען אבריעף צו ר' שלוימעניא אז דער זוהן זיינער קני לעמיל זאל פריהער פארפאהרין צו מיר, אונ איהר וועט איהם ביי מיר מקבל פנים זיין... נאר מע דארף זעהן דיא זאך אפ ארבייטען פאוואליע ווארין פון געהאפטע זאכען קומט קיין גוטס ניט ארויס. האט זשע מיר אגוטען טאג, אונ זייט מיר געזונד, אונ האפט ניט!

**פנחס.** געהט געזונדערהייט, אונ האפט איהר נאר ניט (קלמן געהט אוועק. פנחס געהט ווידער איבער דיא שטוב, טענה'ט צו זיך אלליין) נא אזוי וועט שוין זיין רעכט, אט דאס האב איך טאקע געמיינט אונ אזוי וועט עס טאקע בלייבען!

## פערטע סצענע

(רבקה אונ קאראלינע קומען אריין פון דער טהיר ליִנקס קאראלינע אין א מאנטיל מיט א הוט וויא צום שפאציר)

**רבקה.** געה מיין טאכטער, געה וועסטו זיך אביסעל דורך שפאצירין אויף דעם בולוואר, וועסטו האפען אביסעלע פרישע לופט, נאר זאלסט באלד אהיים קומען, אונ זיך ניט זאמען.

**פנחס.** (שטעלט זיך אונ אזייט אונ קרימט זיך זייא נאך) אהא, פרישע לופט! לופט האפען! זעה נאר טאכטער זאלסט דארט ניט האפען קיין אלט געבאקענע לופט....

**רבקה.** לאז זיא געהן, איך האב בלויז מיט דיר עפעס צו טענה'ן.

**פנחס.** אהא, דוא האסט מיט מיר עפעס צו טענה'ן, קום זשע אריין אין אן אנדער חדר, ווארין איך קאן דאך דיך, אז דוא קאנסט מיט מיר ניט אויס רעדין קיין 2 ווערטער ביז דוא זאלסט מיך פריהער ניט אפ זידלין פון קאפ ביז אין דיא פיסס, לאזין זשע חאטשי פרעמדע מענשען ניט הערין וואס פאר א כבוד איך האב ביי דיר. עס איז גאנץ גענוג אז איך הער עס. (געהן בידע אוועק לינקס, פנחס וועהרענד ער געהט אוועק, קוקט ער זיך אלע מאהל אום צו קאראלינע, אונ קרימט זיך איהר נאך מיט דיא ווערטער. לופט לופט. קאראלינע קוקט איהם נאך ביז ער געהט אין גאנצין אוועק. אונ שאקעלט ברוגעריג צו מיטין קאפ.— זיא זינגט)



שטעלט אייך פאר א מענש אין א פינסטערין חדר
איז פארשלאסען דארט כסדר
פון קינדהייט אן איז אלעס פאר איהם פארשטעלט
אונ קאן ניט זעהן פאר זיך דיא ליכטיגע וועלט
פלוצים עפענט מען איהם אויף דיא טהירען
אונ ער דערזעהט פאר זיך דיא לעבטיגע שיין
א נייא געפיהל הייבט זיך אן אין איהם צו ריהרען
א נייא לעבין הויכט ער אין זיך אריין
אונ פלוצים שליסט מען צו פאר איהם דיא טהיר
דאס ליכט איז שעהן" זאגט מען נאר ניט פאר דיר"

---

אויף געוואקסין בין איך אין פינסטערע טויערין
פון פאנאטיקער בין איך געבוירין
פינסטער איז מיר געוועהן יעדער מינוט
איך האב מיך איינגעוואהנט אונ געמיינט, טאי דאס איז נ...
ארויס בין איך אין גארטין אין דעם זיסען
פון בילדונג האב איך דערשמעקט דיא זיסע לופט
איך האב אנגעהויבען קאנטענים צו געניסען
דער קוויקט האב איך מיך מיט דען פרישען דופט
לאזט זשע מיך אטהעמען ווייטער אזוי אין איהר
דיא לופט איז פריש, זאגט מען, נאר ניט פאר דיר.

---

צווישען חסידים בין איך דאך ערצויגען
בלינדע מענשען געזעהן פאר דיא אויגען
איך בין אקינד, איך וויים? איך רעד מיר איין
אז אזוי דארפין אלע מענשען צו זיין

פלוצים וויא האב איך געמעגט מיך שעהמען
צו דערנעהן א שעהן — געבילדעטען מאנן
מיט זיין ארינדמליך אונ פיינעם בענעהמען
גיסט ער ליעבע מיר אין הערץ אריין
א מענש איז דער איך ליעב איהם, גיט איהם מיר
„אה ער איז פיין — זאגט מען — נאר ניט פאר דיר״

(זיא געהט לאנגזאם אוועק)

## פינפטע סצענע

---

### צווייטעס בילד

---

(שטעלט פאר א גארטען, פערשיעדענע מענשען שפאצירין, סטודענטין געהן געארעמט איינער אונעם אנדערין אונ זינגען)

**סטודענטין.** יעצט וועלען מיר רוהען
נאך אזא מיהען
יעצט הייבט זיך אן א יאהר גאר א נייעס
מיר האבען צוזאמען
אונזער עקזאמען
עבען געענדיקט אלע מיט פלייס

---

**איינער.** א דאנק פאר געסט ניט דיא פראפעסארין
וואס האבען מיט אונז געלערינט א צייט
געבילדעטע זענען מיר דאך געווארין
מיר הייסען דאך שוין געלעהרינטע לייט (ביס)

---

**אללע.** יעצט וועלען מיר רוהען .... א. א. וו.

---



**2 טער.** וויא פיעל נעכט מיר האבען ניט דערשלאפען, דערגעסען
מיר האבען גאר שטודירט אונ שטודירט
דאס ווערט אבער אללעס שנעלל פארגעסען
פאר דעם וואס מיר האבען פראפיטירט (ביס)

---

**אללע.** יעצט וועלען מיר רוהען ... א. א. וו.

---

(איינער פון דיא סטודענטין, ווענדעט זיך צו מאקסין וועלכער געהט ארום דיא גאנצע צייט פארטראכט

**איינער.** נא מאקס ביסט נאך אלץ צו טראגין וועגין דיין ליעבע ?

**מאקס.** איך בין ווירקליך אין א פארלעגענהייט, אז אזא גילדען קינד וויא קאראלינע איז זאל איינשטעהן בייא אזא חסיד אגביר ר׳ פנחסיל. איהר ווייסט קינדער אז מע האט מיר שוין דארט דיא שטונדע אויך ענטזאגט ? איך טאר שוין אהין ניט קומען.

**סטודענטין.** אה שאדע !

**מאקס.** מיר טהוט שוין אזוי ניט באנק דיא שטונדע וואס איך האב פארלוירין נאר שאדע דאס קינד. איך האב שוין מיט איהר דורך געלעזין אלע קלאסיקער וויא וואהל זיא פארשטעהט, וויא פיין זיא בעגרייפט אלעס היינט וויא שטארק זיא ליעבט מיך אונ איך זיא.

**איינער.** נא איז דאך, האסטו דאך אנגעטראפען דיין פארטיע ?

**מאקס.** וואס פארטיע ? ס׳איז נאך דא גענוג בערג איבער צו שפרינגען אידער איך וועל זיא ערדרייכען. אייגענטליך איז איהר מוטער שוין מיט אונז איינפארשטאנדען, זיא איז קיין נאר ניט אונ איך געפעהל איהר. נאר מיט איהם מיט איהר פאטער איז א שווערע זאך. דאס איז א געבראטענער חסיד. אז ער אנטלויפט גאר פאר א דייטש ! (אלע צו לאכען זיך) נא קאן איך גאר האפען אז איך זאל זיין אמאהל זיין איידים ? דיא אידעע איז גאנץ ווייט ! (ער פארזינקט זיך אין געדאנקען דיא איבריגע מאכען אלע מינעס פון מיטליידונג מיט איהם).

## זעקסטע סצענע

(פון אונטער דיא קוליסען הערט מען קאראלינעס שטימע וויא זיא זינגט „קו קו ! קו קו !״ מאקס גיט זיך וויא א כאפ אויף, הערט זיך צו צו דער שטימע, אונ זאגט)

מאקס. (צו דיא סטודענטין) הא הא! איך הער זיא קומט, זא גיט מיר איהר צייכען ויא האט מיר פארשפראכען אהער צו קומען, געהט זשע אייך קינדער שפאצירען אונטער דיא אלעען, אונ לאזט מיך דא מיט איהר אליין, וויל איך האב מיט איהר נייטיגעס וואס צו רעדען. (סטודענטין געהן אלע אוועק אין דיא זייטען אלעען מאקס ווענדעט זיך צו דער זייט פון וואנען עס הערט זיך קאראלינעס שטיממע).

קאראלינע. מיין יעגער ווארט שוין באלד א שעה
אויב קיינער איז נאך דארט ניטא
קאנסט מיך האפען אין איין א
איך בין צווישען דיא צווייגען דא
קו קו!..

מאקס. ווער זינגט עס צווישען דיא צווייגען דארט
באקאנט איז מיר דיא שטיממע פארט

קאראלינע. קו קו!...
איך זינג איך
נא האפ מיך גיך
איך פייגעלע וויל אוועק שפרינגען
נא הער זיך צו
צו דער מעלאדיע
צו האסטו זיא מיר ניט געזונגען
קו קו, קו, קו.....

(זיא שפרינגט ארויס פון דיא זייטען ביימער לויפט צו צו מאקסן, זייא אומארמען זיך ביידע)

מאקס. וואס מאכסטו. מיין טהייערע קאראלינע? האסט מיר אוודאי עפעס נייעס געבראכט?

קאראלינע. יאה. איך האב דיר געבראכט א וויכטיג נייעס, דוא וועסט אפשר באלד מיך גראטולירען (מאקס קוקט זיא פארוואונדערט אן) קלמן שדכן האט שוין פאר געשלאגען מיין פאטער א פארטיע פון שאטרעווקע דעם דארטיגען פרנס חודש א זוהן...



מאקס. שטעה, שטעה! (קלעהרט איינינע סעקונדען) נא נא, רעדט ווייטער.

קאראלינע. אונ וויא איך האב מיך אונטער געהערט וואס זייא האבען גערעדט ווייזט ער אויס צו זיין דיין ווירדיגער קאנקורענט, ווארין זיינע איינגעשאפטען וואס ער באזיצט וועסטו אייביג ניט האבען, אונ גאט זאל דיך טאקע היטען זאלסט זיא ניט האבען, ער איז ניט מעהר, נאר וויא בלינד אויף איין אויג. קרום אויף א פים, אונ...

מאקס. שטעה, שטעה. אונ הינקעט אוודאי אויך?

קאראלינע. יאה, יאה! פון וואנען ווייסטו עס. קענסט איהם דען?

מאקס. פרעגסט פון וואנען איך וויים? ווארט וועל איך דיר באלד דערצעהלין.— נאר פריהער זאג מיר, צו האסטו ניט געהערט, ווען דער שדכן האט גערעט מיט דיין פאטער, האט ער ניט געזאגט אז דעם חתנ'ס פאטער הייסט ר' שלום'אניא?

קאראלינע. יאה, דאכט מיר טאקע אזוי. נא וואס איז דען?

מאקס. אויב אזוי קעהר זיך דער חתן גיכער אן מיט מיר, איידער מיט דיר.— ווייסטו ווער דאס איז? דאס איז מיין פעטער ר' שלומ'ס א שטיעף זוהן. וואס דאס צווייטע ווייב האט איהם געבראכט פונעם ערשטין מאנן אונ ווייסטו ווער ר' שלום'אניא אלליין איז. מעהר ניט וויא מיין פאטערס אן אייגענער ברידער.

קאראלינע. וואס רעדסטו? ! ברידער! איז דיין פאטער א דאקטאר אונ ער איז אזא חסיד?

מאקס. מיין ניט אז מיין פעטער איז אזא חסיד וויא דיין פאטער רעכינט ער איז אזא פרייא דיינקער וויא מיין פאטער, נאר אזוי וויא ער איז דער עלטערער ברידער, האט ער ניט געהאט דאס געלעגענהייט צו שטודירען, איז ער געבליבען צו שפיעלען דיא פרומע ראלע' אונ פיהרט ארום דעם רבין מיט דיא חסידים בייא דיא נאז, צום צייכען אז דיין פאטער שערט זיך אין זיין יוחס.

קאראילנע. יאה דאס איז אבער נאך אלץ פאר מיין פאטער קיין תירוץ ניט, ער האט זיך איינגעשפארט, אונ אזוי וועט עס מוזען בלייבין, אפילו מיין מוטער וואס זיא האט דיא גאנצע דעה בייא איהם, איז איהר אויך שווער איהם איבער צו שפארין.

מאקס. נא אז דיין מוטער איז שווער, וועט מיר זיין גרינג, (נאכדענקענד) עס איז מיר איינגעפאלען א שעהנער פלאן, יאה דארט וויא מע קאן ניט אויספיהרען ניט מיט בעזין, ניט מיט גוטען, מוז העלפען דיא לוסט.

קאראלינע. וויא אזוי מיינסטו? פארגעסט ניט אז דער שדכן האט שוין א בריעף

געשריבען אז ער זאל פריהער פארפאהרין צו איהם אונ דער נאך זאל ער איהם ברענגען צו אונז...

**מאקס.** אין נוט! הער אוים וואס איך וויל טהון. איך וועל מיך פארקליידין וויא דער קני לעמיל. איך וועל הינקען וויא ער, רעדין וויא ער, אונ זיך בלינד מאכען וויא ער. אונ קלאמערשט פארפאהרין צו קלמן שדכן, אונ דארט האב איך עפעס אפ צו ארבייטין אזאך. נאכהער וועסטו מיך זעהן ביי דיר אין שטוב פארקליידעט וויא דער וואהרער קני לעמיל, אונ דאס איבריגע וועסטו שפעטער אלעס ערפארין.

**קאראלינע.** (שמייכילדיק) ווירקליך! נא איז עס מעגליך אז דוא זאלסט דיך אזוי קונסטפאלל מאסקירען?

**מאקס.** אזוי קונסטפאלל אז דיא אלליין וועסט מיך אויך ניט דערקיינען.

**קאראלינע.** (קוקט אויף איהם מיט ליעבליכע בליקען) אדיע. ליעבער מאקס! געבע גאט דיין פלאן זאל אוים געפיהרט ווערין. אדיע מיין קונפטיגער קני לעמיל! (זיא ערווייטערט זיך פון איהם, אונ ווארפט איהם פון דער ווייטענס צו ליעבליכע לופט-קושע ביז זיא פארשווינדעט. מאקס ווענדעט זיך צו דער אנדערער זייט אלעע, אונ רופט)

**מאקס.** קאמעראדען! (זייא קומען אלע צו) איך האב אפלאן וויא אזוי איך זאל קאנען הייראטהען מיט קאראלינען. איך מוז אבער דערביי האבען אייער הילף. אלזא קאנט איהר מיר גיבען אייער עהרען ווארט אז איהר וועט מיר הילפע געבין?

**אללע.** א קאנסט גאנץ זיכער זיין אז מיר וועלען דיר, מיט וואס נאר מעגליך וועט זיין דינען! (אללע רייכען איהם דיא הענד אלס צייכען אז זייא שטעהן פערטיג איהם צו דיענען. ער באראנקט זייא אללע זינגען)

**כאר.** אה יעצט וועלען מיר רוהען
נאך אזא מיהען
יעצט הייבט זיך אן א יאהר גאר א נייעס
מיר האבען צו זאממען
אונזער עקזאמען
עבען געענדיקט אללע מיט פלייס

**מאקס.** אין הערצין דארפען מיר דאנקען נאך הייסער
דעם וואס זארגט פאר אונז וויא פאר זיין קינד





אונזערען ליעבען טרייען קייזער
גאט זאל איהם געבין גליק אונ געזונד (ביסם)
אה יעצט וועלען מיר רוהען!... א. א. ו.

**כאר.** (הייבען אויף דיא היטלען אין דער הויך)
הורראה, הורראה, הורראה, עס לעבע אונזער קייזער
הורראה, הורראה, הורראה!....

(פארהאנג פאלט שנעלל ארונטער)

# צווייטער אקט

---

## ערשטע סצענע

---

### דריטעס בילד

---

(שטעלט פאר קלמן שדכנ'ס צימער, א פראסטע איינפאכע שטוב, ליבעלע זיין טאכטאר זיצט נעבין א טישעל, וועלכעס שטעהט אין דער מיט שטוב, זיא נעהט אונ זינגט)

**ליבא.** אללע מיידליך האבען חתנים
זייא מעגין ניט זיין קיין שענע
אונ איך ווארט אויפין זיווג מיינעם
אונ עס קומט ניט קיינער
דיא נעהמט א בעל מלאכה
דיא, פון א שעהנער משפחה
איינער האט זיך גאר געטראפען
זיא נעהמט גאר א הולטייא
מיט אזוינעם וואלט איך מיך אויך ניט געשלאפען
גאר וויא האלט איך שוין דערביי

---

מיין חברטע האט דערזעהן א געזעען
הערט וואס פאר א גליק
זיא איז איהם באלד אויפין ארט געפעלין
שוין ביים ערשטען קוק
היינט דערצעהלט מען פון דער חנה'ן
זיא האט זיך גע־גט שוין. מיט 2 מאנען
וואלט איך דען ניט געקאנט אויספיהרען
מיך נמין אפילו מיט דרייא
א וועלט וואלט איך געקאנט פארפיהרען
נאר וויא האלט איך שוין דערבייא

---

מיין חברטע מעג איך מקנא זיין
דאס דערצעהלין אלע שכנים
וואס שאדט עס איהר אז זיא האט א מאנן
אונ זיא ליעבט נאך איינעם
א מאנן צו פארקויפען בלינד
דאס איז דאך א גרויסע זינד
עס איז אבער שווער צו זיין א צדיק
מע וויל שפעטער אויך זיין פרייא
אנגעטהון וואלט איך מיין מאנן אספאדיק
נאר וויא האלט איך שוין דערבייא

---

פאר דער חתונה איז מרה שחורה'דיג
נאך דער חתונה איז א פארגניגען
עס ווערט פריילך אין שטוב נאר מורא'דיג
מע האט זיך מיט וועהמען צו קריגען
דאס ווייב. זיא דארף נאר וואגען



דער מאנן, ער מיז פארשוויגען
מע דארף נאר האבען שארפע נעגיל
דאס שאדט ניט סייא וויא סייא
אויס געדראפעט וואלט איך מיין מאנן דאס איינגעל
נאר וויא האלט איך שוין דערבייא

---

א יונג ווייבעל האט געטרויערט
נאך איהר אלטען מאנן
ער האט בייא איהר ניט לאנג געדויערט
ער איז גיך אין דער ערד אריין
נא, וואס איז פאר אזא סכנה?
זיא איז געבליבען א רייכע אלמנה
אזא גרינגע ירושה צו האבען
נא איז דען ניט כדאי
אזאן אלטין וואלט איך גיכער געקאנט באגראבען
נאר וויא, האלט איך שוין דערבייא!

## צווייטע סצענע

(קלמן שדכן קומט אריין, קישט דיא מזוזה, לויפט גיך צו צו ליבעלין)

**קלמן.** נא מיין טאכטער האסטו שוין ריין געמאכט אין שטוב? דיא ווייסט דאך [illegible] היינט דארף קומען ר' קני לעמיל. שלום'אניאס זוהן, נא גיך, גיך, [illegible] שוין ריין, חאפט ניט!

**ליבע.** (בורטשע מיט א געוויין) יאה איך האב שוין אלסדינג ריין געמאכט, אבער?... (גיט א שטארקען זיפץ) אוי!

**קלמן.** וואס איז מיין קינד, וואס ביסטו אזוי פערטראגען? דערצעהל מיר, נא [illegible] חאפ ניט!

**ליבע.** פאר וואס זאל איך ניט זיין פארטראגען, אז איך זעה וויא מע קומט אנדערע מיידליך נעהמען פאר כלות, נאר מיך וויל קיינער ניט נעהמען!

**קלמן.** וואס הייסט מע קומט נעהמען? איך גיב זייא, חאפ ניט!

**ליבע.** אזוי. פאר וואס זשע גיסטו דער גאנצער וועלט, נאר מיר ניט?

**קלמן.** חאפ ניט! איך וועל האבען געלד וועל איך דיר אויך גיבען.

**ליבע.** זאל איך ערשט ווארטין ביז דיא וועסט אמאהל האבען געלד, אונ דערווייל זאל איך דורך דיר פארזיצען ביז אין גראען צאפ?

**קלמן.** נא וואס זשע זאל איך דיר טהון מיין קינד אזוי איז היינטיגע וועלט, חאפ ניט! אמאהל איז יעקב אבינו געוועהן אקנעכט? יאהר איידער ער האט באקומען רחלען פאר אווייב. דערנאך אבער איז ער געווארען ביא זיך אליין א בעה״ב, היינט אבער חאפ ניט! איז מען אזוי לאנג ביא זיך א בעה״ב איידער מע האט חתונה, נאך דער חתונה אבער ווערט מען פארקויפט פאר א קנעכט צום ווייב אויף אייביג. נא אוודאי וויל מען קיין קנעכט אומזיסט ניט זיין, אוודאי מוז מען האבען דאס ביסעל מזומן אז מע וויל באקומען א חתן, חאפ ניט! נאר אז איך וועל אויספיהרען דעם שידוך ביא ר׳ פנחסלין וועל איך דאך חאפען א שעהן שדכנות געלד, חאפ ניט! וועט זיך אויף דיר מן הסתם אויך געפינען א בעלן!

## דריטע סצענע

(מאקס קומט אריין פארקליידעט אלס קני לעמיל, ער געהט הינקענדיג צו צו קלמן — אונ זאגט)

**מאקס.** האב איך דא ג... געטראפען צו ר׳ ק... קלמן שדכן?

**קלמן.** יאה, יאה איהר זענט אוודאי ר׳ שלום־אניאס זוהן. שלום עליכם! (ער גיט איהם דיא האנד) זעצט זיך אנידער, זייט גאנץ היימיש וויא ביא זיך און דער היים חאפ ניט!

**מאקס.** איך ה... חאפ ניט, חאפט איהר נאר ניט, איך האב נאך צייט — ה... ווען וועט איהר מיר שוין וויזען מיין כ... כלה!

**קלמן.** חאפט ניט, לאמיך פריהער אריבער געהן צום מחותן, צו גרייטען אלעדינג צו דיא תנאים, חאפט ניט!

**מאקס.** איך ה... חאפ ניט, מיין טאטע וועט ערשט ק... קומען נאך הושענא רבא, ווייל מע קלויבט איהם פאר א גבאי.

**ליבע.** אזוי? אט דאס איז דאס גליק וואס ר׳ פנחסלים טאכטער מאכט, ניין, אזא נפש וואלט איך גאר ניט געוואלט אנקוקען אפילו ער צאהלט מיר צו.

**מאקס.** (צו קלמן) ר׳ ק... קלמן, ווער איז דאס מיידיל?

**קלמן.** חאפט ניט, דאס איז מיין טאכטערייל זאל לעבין, א וואהל מיידיל, א קלוג מיידיל, אן עהרליך מיידיל, א פיין מיידיל, חאפ ניט!



**מאקס.** (מיט א שמייכיל) נא אונ א ש... שעהן מיידיל האט איהר פארגעסין?

**ליבע.** קוקט נאר אן דעם מאמעטליווע, מיט דעם איינעם אויג האט ער אויך דערזעהן אז איך בין שעהן, איהם איז אויך אין זינען ליעבע!

**מאקס.** (צו קלמן) ר׳ קלמן, איז מיין כ... כלה אויך אזוי שעהן וויא אייער טאכטער?

**קלמן.** האפט ניט, איהר וועט שוין אליין זעהן — נאר איך פארשטעה ניט, וויא קומט עס איהר ר׳ שלום־אניאס זוהן זאלט נאר קוקען אויף נקבה׳ס? איך וויים אז א חסידישער יונגער מאן באגעגינט אויף דער גאס אן אשה מאכט ער גאר צו דיא אויגען.

**מאקס.** אויף דער ג... גאס יאה, אבער אונטער 4 אויגען ק... קוקען מיר חסידים גאר אנדערש...

**קלמן.** (פיר זיך) אה, א שעהן שטיקיל צירינג באקומט ר׳ פנחסיל אין שטוב אריין, נאר וואס געהט עס מיך אן, אבי איך וועל מיר באקומען מיין שדכנות געלד. דערנאך מעג ער זיך ווארגען מיט איהם. (צו מאקסין) איהר ווייסט ר׳ קני לעמיל, אז ביים מחותן אין שטוב זאלט איהר אייך אזוי ניט ארוים חאפען מיט אזעלכע דיבורים, מיילא פאר מיר איז נאך נישקשה, אבער אז איהר וועט אייך דארט אזוי ארוים חאפען חאפט ניט, קאנט איהר מיר נאך קאליע מאכען מיין שדכנות! — (צו ליבען) הכלל ליבעלע, נעהם דעם יונגען מאנן אונ פיהר איהם אריין אין א באזונדער חדר, אונ זעה ס׳זאל איהם גאר ניט פעהלין חאפ ניט! (ער געהט אוועק דורך דער מיטטען טהיר)

**מאקס.** (פיר זיך) זעהט וויא יעדער מיינט נאר זיין אונטערעסע, נאך זיינע רייד זעה איך ארויס ער וויל דעם קני לעמלין מיט געוואלד אריין דרעהן צו דעם ר׳ פנחסלין פאר אן איידים. וויא מיאוס איך האב מיך דא פאר איהם פאר געשטעלט איז ביא איהם אלעס רעכט. אבי ער זאל אפ נעהמען זיין שדכנות געלד, יעצט מוז איך פרובען נאך איין אנדער מיטטעל. (צו ליבען) איהר האט געהערט וואס אייער טאטע האט אייך אנגעזאגט, אז כ׳זאל מיר דא ביא אייך גאר ניט פעהלין!

**ליבע.** אך זעהר שעהן, זאגט נאר וואס איהר ווילט, אפשר זענט איהר הונגעריג זאגט זאגט, וואס איהר ווינטשט!

**מאקס.** (ראמאנטיש) וואס איך ווינטש? אה ניין, ניט מיין מאגען איז הונגעריג נאר מיין הערץ! עס ברענט פון ליעבע!

**ליבע.** (קוקט איהם אן פארוואונדערט) וואס הייסט דאס? איהר זענט געקומען א חתן ווערין (זיא קריסט זיך איהם נאך וויא ער האט געהונקעט) אונ טשעפיט זיך גאר צו מיר, אה א שעהן שטיקיל סחורה, דווקא א באנעהמעניש

און צו דעם האט עס אזוי גיוונד שכל.

**מאקס.** וואס מיר שכל ! דאס הערץ, דאס הערץ ! איך בין משוגע, איך בין דול פון דיין ליעבע ! דיין נאהמען איז ליבעלע. און דיא ביזט נאר געבוירין צו ליעבע. (פאלט אויף דיא קניע פאר איהר. און זאגט מיט איראניע) אט דא פאר דיינע פיס פאל איך און בעט דיך האב מיך ליעב. אלא ניט !... (פיר זיך) אלא ניט וועל איך דיך פיינט האבען !

**ליבע.** (חאפט זיך אויף וויא מיט מורא און קוקט זיך אום צו דער טהיר) וועה איז מיר ! שטעהט אויף, דער מאמע קאן נאך אן קומען. (מאקס הייבט זיך אויף) א מעהר, ערשט האט איהר געהוקעט, און געהונקען, און מיט איינמאהל זענט איהר אזוי געזונט געווארין. איהר געהט גלייך און רעדט גלייך ! זאגט מיר איך בעט אייך. ווער זענט איהר ? און וואס איז מיט אייך געווארין ?

**מאקס.** נאר צו ליעב דיר, וועל איך ווייזען מיין וואהרעס געשטאלט. אט זעהסטו ! ער נעהמט אראפ פון זיך דיא פיאות מיט דער בארד, און דאס שווארצע לידיריל פונעם אויג) איך האב מיך אמיכטען פארשטעלט אזוי פאר יענעם קני לעמיל, כדי איך זאל קאנען צו דיר קומען. איך האב דיך שוין לאנג ליעב. נאר איך האב קיין אנדער מיטעל ביז אהער ניט געקאנט געפינען. יעצט בין איך געקומען מיר זאלען אנטלויפען אין דער ווייטער וועלט אריין.

**ליבע.** אזוי איז שוין רעכט. (מיט א שמחה) אז אזא שיינער יונגערמאנן איז אויך א בעלן אויף מיר חאטשי איך האב קיין געלד ניט. ניין ! אזא מציאה דארף מען שוין ניט אוועק לאזין. (נעהמט אן מאקסן בייא דער האנד) קום, לאמיר שוין אויס געטריקענט ווערין !

**מאקס.** שטעה. שטעה. נא און דוא וועסט אנטלויפן נאר אן דיין טאטענס וויסען. חאפ ניט !

**ליבע.** פארשטעהט זיך. יעצט בין איך דיינע. יעצט האב איך קיינעם ניט צו הערין נאר דיך.

**מאקס.** (פיר זיך) עפעס איז זיא מיר זעהר גיך פארטיג געווארען.

**ליבע.** זאג נאר וויא אזוי וועל איך הייסען שפעטער נאך דיין נאהמען, וויא אזוי הייסטו ?

**מאקס.** נאר דיר וועל איך זאגען מיין אמת'דיקען נאהמען, נאר מיט דעם תנאי אז קיינער זאל ניט וויסען ביז איך וועל אויס פיהרען מיין פלאן. אפילו דיין אייגענער טאטע אויך ניט.— איך הייס... איך הייס... (פיר זיך) זאל איך אזוי וויסען פון בייז וויא איך ווייס וואס פאר נאהמען מע זאגט איהר. (צון איהר) נא לאז זיין שמעריל !

**ליבע.** (מיט א שמחה) שמעריל ! וועל איך דאך הייסען דיא שמעריל'עכע. אט



געהט – וועט מען זאגען – דיא שמעריל'עכע. סקאציל קומט שמעריל'עכע. זיצט אביסעל שמעריל'עכע. וואס מאכט איהר עפעס שמער....

**מאקס.** נא גענוג שוין צו שמערלין, לאמיר זיך געזעגענען ווייל איך מוז ווייטער געהן מיין פלאן אויספיהרען.— נאר הער זשע, טאמער וועלען מיר זיך באגעגענען פאר פרעמדע, וועל איך דיר גיבען א צייכען אין וועלכען דיא וועסט מיך ערקענען. איך וועל דיך אויס לערנען א ליעדיל וואס דאס וועט זיין אונזער צייכען נא זינג מיר נאך.

איך בין איך
נא חאפ מיך גיך
איך פייגעלע וויל אוועק שפרינגען
נא הער זיך צו
צו דער מעלאדיע
צו האסטו זיא מיר ניט געזונגען
קו קו, קו, קו.....

(ויא זינגט איהם נאך יעדען פערז ביז ענדליך ביים לעצטען פערז „קו קו" פאר נייגט ער זיך געגען איהר איראניש און געהט ארוים דורך דער מיטטען טהיר, ליבע קוקט איהם ליעבליך נאך)

**ליבע.** (וועהרענד ער געהט אפ, חורט זיא, איבער מיט שמחה) שמעריל'עכע ! סקאציל קומט שמעריל'עכע. וויהין געהט איהר שמעריל'עכע (אזוי רעדינדיק געהט זיא ארוים רעכטס)

פערטעס בילד

---

## פערטע סצענע

(שטעלט פאר א גאסס, לינקס ר' שלום'אניאס הויז מיט א באלקאן רעכטס אין דער טיעף דער ביהנע א פאסאר פון א שיהלבעל, ר' שלום'אניא שטעהט אויפין באלקאן און קוקט אראפ, הינטען שטעהט איין עולם פון פערשיעדענע מענשען, מיט פאפירענע לאמטערנעס אין דיא הענט, זייא קריגען זיך, — זינגען)

**אללע.** שרייט נאר ניט בלייבט נאר שטילל
לאז יעדער באזונדער רעדען פריהער

שווייגט ! מע קאן נאך ווערין דולל
וואס פילדערט איהר גאר אן שיעור
ניין, ניין, מיר קאנען דאס ניט דערלאזען
ניין, ניין, מיר ווילען זיך ניט פארלאזען
וואס זייא זעהן ניט (ביסס)
האבען קיין דעה ניט
קלויבען וועהמען מיר וועלען
וועהמען אונז וועט געפעלען
יאה אזוי בלייבט, יאה

1 פארטייא. מיין דעה הערט איהר מיך, פאלגט איהר מיך
עס בלייבט דער אלטער גבאי

2 פארטייא. מיין דעה הערט איהר מיך, פאלגט איהר מיך
עס בלייבט דער נייער גבאי

אללע. יאה, עס בלייבט דער נייער גבאי (ביסס)
קומט אין שוהל אריין, דורך דעם טויעריל
וועלען מיר אללע ווארפען גורל,
לאז זיין מיט גליק !
יאה, יאה, לאז זיין מיט גליק !

(אללע לאזין זיך אריין געהן אין שוהל רעכטס דורכין טויעריל, עטליכע ווענדין זיך צו שלום'אניאן)

יודען. ר' שלום'אניא, ווארט איהר גאר דא אביסיל אוים, אונ מיר וועלען געהן ציהען קוויטליך, אונ אז איהר וועט ארוים גבאי דאס איז נאך מעהר זייא זיכער (אללע געהן אוועק רעכטס)

שלום. (שרייט זייא נאך) געהט, געהט, אבי פאר דילט מיר ניט מיין קאפ, איך האב מאקע מייא וויא עפעס וואס צו טהון, (ער געהט אראפ פונעם באלקאן אויף דער ביהנע) האט איהר געהערט אמין קאפ דרייענעש אויף מיין קאפ, נאר איך בין זייא געפעלין פאר גבאי, קיין אנדערין האבען זייא גאר ניט געקאנט געפינען, זייא האבען מיר אזוי פאר דילט מיין קאפ אז איך האב דא באקומען א בריעף האב איך איהם אפילו צייט ניט געהאט איבער צו לייענען, איך ווייס



נאר ניט פון וואנען קאן איצט זיין צו מיר אבריעף ? (ער עפינט איהם אויף אונ קוקט אויף דעם אונטער שריפט) אהא, דער בריעף איז פון קלמן שדכן, לאמיך זעהן וואס שרייבט ער מיר דא (ער לייענט) .היה הרבני הקענער, החסיד, א שארפער, א געריהמטער, א געגלאנצטער, דיא מיטטעלסטע זייל, דער שטארקער האממער, דאס ליכט פון דיא יודען, א קויש מיט ספרים, חאפט ניט ! (בלייבט שטעהן אונ קוקט זיך פאר וואונדערט אום — ער לייענט ווייטער) דאס איינקעל פונעם רב ר' קלומינים, זיין בכבודיגער נאהמען זאל זיין געבענטשט מו"ה ר' שלום נירו יאיר, (פיר זיך) א א גרויסער טיטול, (ער לייענט ווייטער) כפי מיר האבען געהערט פון אייער נאהמען אז איהר שסים זעהר, אונ פון אייער גרויסען יחוס חאפט ניט... (קוקט זיך ווידער פאר וואונדערט אים — ער לייענט ווייטער) אונ כפי ר' פנחסיל מקראקא, איז אויך א גרויסער למדן, אן ערליכער יוד, חאפט ניט !... וואלט בייא איהם געוועהן א גרויסער כבוד ער זאל זיך מיט אייך משדך זיין — (פיר זיך) מיט וועהמען קאן ער עס מיינען זיך משדך זיין (קלעהרט) אהא ! אוודאי מיט מיין געראטענעם שטיעף זוהן !... (ער לייענט ווייטער) איך האב געהערט אז אייער בחוריל האט אפילו א ביסעל חסרונות, נאר אייער יחוס פארדעקט אלסדינג, ר' פנחסיל גיט איהם זיין בתולה חאפט ניט !... מיט 1000 רענדליך נדן, איהר מעגט אייער בחוריל באלד צו שיקען צו מיר, פון שדכנות געלד וועלין מיר שפעטער שמיעסען, מיר זענען שוין אפילו גרייט צו דיא תנאים.— פון מיר קלמן שדכן מיטין רשות פון ר' פנחסיל קראקעווער ! — חאפט ניט' !...

(ער לייגט צונאויף דעם בריעף, לייגט איהם אריין אין קעשענע אונ זאגט (פיר זיך) נא נא, נאט אייך אזא בריעף, חאפט ניט, אונ חאפט ניט ! — אט א פנים אז אויף מיין שטיעף זוהן איז שוין אויך געקומען אן אוים חאפענעש ! אונ דאס מאכט אלץ אן יחוס' — יאה, דעם ר' פנחסלען קאן איך גוט, ער איז מאקע א גביר, א שעהנער יוד, נאר דיא בתולה זיינע קאן איך ניט, זיא מוז אוודאי אויך זיין עפעס אזא מין פארזעהעניש, אז ער שלאגט זיך אן צו נעהמען מיין שטיעף זוהן.— אונ ווייטער אפשר איז דאס מאקע א זיווג, בין איך אוודאי צופרידען איך וואלט איהם שוין אליין אויך געוואלט פטור ווערין פון דער שטוב, אה א שעהן שטיקיל צירינג האט מיר דיא מוטער זיינע אריין געבראכט אין שטוב אריין, ווען איך האב מיט איהר חתונה געהאט, נאר אפשר איז שוין יעצט געקומען דיא צייט, (פון אונטער דיא קוליסען הערט מען קני לעמילס שטימע, שרייענדיק, טאטע, טאטע) אהא ! ער געהט שוין דער תכשיט !

## פינפטע סצענע

(קני לעמיל קומט אריין מיט א פאהן אין דער האנד)

**קני לעמיל.** טאטע, ק... קום אין שוהל אריין, איך האב שוין א פ... פאהן כיט א לעכטיל, קום.

**שלום'אניא.** שטעה, הער נאר בעסער אוים, דוא ווייסט אז איך וועל ווערין נבאי. אונ דוא א חתן?

**קני לעמיל.** (לאכט מבוישדיק) א ח... חתן? געה זאגסט א ליגען. נארקסט מיך אפ!

**שלום'אניא.** אט האב איך ערשט באקומען א בריעף פון קלמן שדכן. שרייבט ער מיר אז ר' פנחסיל דער גביר וויל זיך מיט מיר משדך זיין.

**קני לעמיל.** אהא! א יאה דוא האסט מ... מיך אפ גענארט אליגען? א ק... קאם ר' פנחסיל דער גביר וויל זיך מ... מיט דיר משדך זיין, וועסטו דאך גאר ווערין א ח... חתן. ניט איך. (ער שמייכילט)

**שלום'אניא.** געה דוא נאר, פארשטעהסט מיך ניט, ס'הייסט ער בעט מיך אזוי וויא ער האט א בתולה וויל ער אז דוא זאלסט זיא געהמען פאר א כלה.

**קני לעמיל.** (וויא פאר שעמינדיק) איך זאל זיא געהמען פאר א כ... כלה? (שמייכילט) געה, זאגסט אליגען, דוא נארסט מיך אפ!

**שלום'אניא.** (פיר זיך) ס'איז איהם גאר ניט צו גלויבען אז עמיצער זאל איהם וועלען געהמען. (צון איהם) איך זאג דאך דיר אז יאה, נא זעה אט האב איך אפילו דיא בריעף. (ער וויזט איהם דיא בריעף. קני לעמיל עפינט זייא אונ קוקט אין איהר אריין. ער וויל אנהייבען צו לייענען נאר ער פאר הוקעט זיך שטארק, ער גיט איהם אוועק צירוק דיא בריעף מיט כעס אונ זאגט)

**קני לעמיל.** עס איז עפעס א זא פאסקודנע כתב. אז מ... מע קאן עס ניט אנהייבען צו ל... לייענען!

**שלום'אניא.** אבער איצטער גלויבסטו מיר שוין?

**קני לעמיל.** יאה איצטער ג... גלויב איך דיר, יאה.

**שלום'אניא.** יאה וואס זשע טהוט מען אבער מיט דיר. ביז דוא ביסט א זא וויסטע קאליקע?

**קני לעמיל.** וואס? איך בין א ק... קאליקע. איך ק... קאן בעסער לויפען פון דיר. ווילסט זעהן? (ער לויפט איבער דער ביהנע אונ פאלט אים אונ זאגט ליגענדיק אויף דער ערד) ע ניין ניין, איך האב זיך פ... פאר טשעפיט אין דער פ... פאהן! (ער הייבט זיך אויף)

**שלום.** (שמייכילט) אוודאי איז דאס א שעהנער לויף געוועהן. מיילא דאס לאז שוי



זיין וואס טהוט מען אבער מיט דיר אז דוא ביסט אזוי הינקעוואטע? וואלסט זיך בעדארפט געוויינען וועהניגער צו הוקען.

**קני לעמיל.** אט האסטו איהם, איך הוקע גאר?...

**שלום.** וואס דען, ניין? א שטייגער אז דוא וועסט אריין קומען צום מחותן אונ וועסט איהם דארפען זאגען שלום עליכם, נא לאמיך הערין וועסטו קאנען זאגען גלייך שלום עליכם זאלסט זיך ניט פארהוקען!

**קני לעמיל.** וואס דען איך וועל ניט ק... קאנען, אט ווילסטו הערין? — א שטייגער אט ב... ביסטו דער מחותן, אונ איך בין ק... קני לעמיל (ער געהט צו צו דער אנדערער זייט אונ וויזט וויא אזוי ער וועט אריינגעהן) וועל איך אט אזוי אריין קומען, אונ וועל א ג... געשרייא טהון מיט אמאהל ש... ש... ש... (ער פאר הוקעט זיך שטארק אונ קאן ניט אוים רעדין, שלום'אניא צו לאכט זיך שטארק, קני לעמיל ווערט רויט פאר כעס אונ זאגט) ק... קוק אן וויא ער האט זיך באלאכט. וואס זשע לאכסטו ת... חכם? א ק... קונץ אז איך האב מיך פארטשעפיט אין דער צ... צונג.

**שלום.** צו דיא אלע מעלות ביסטו דאך נאך בלינד אויך?

**קני לעמיל.** ווער בלינד? איך? איי ביסטו עפעס א ק... קלוגער חכם!... איך בין גאר ב... בלינד זאגט ער, אט זעה איך דיך (ער וויזט אויף דער פאהן) אונ אט זעה איך דיא פאהן, (ער וויזט אויף שלום'אניאן) אונ וועל טאקע ק... קאנען זעהן מיין כ... כלה.

**שלום'אניא.** (פיר זיך) טא! אז אזוינער איז רעכט פאר יענעם איז דאך פאר מיר אוודאי רעכט, וואס האט מען דא צו רעדין אז דער יחוס פארדעקט אלסדינג.

**קני לעמיל.** אוודאי יאה, איך פארדעק דעם יחוס ווייל איך בין גרעסער פון איהם, וואס איז איך בין אוודאי ניט קיין שעהנער חתן, ווייל דוא ביסט א זא טאטע אונ האסט מיך ניט געוואלט אפילו איינמאהל חתונה מאכען זינט איך לעב.

**שלום'אניא.** נא שעהן שעהן, מארגען שיק איך דיך אוועק מיט מיחאלקען אהין, אונ איך וועל אליין ערשט אנקומען נאך הושענא רבא דערווייל קום אונ שוהל אריין, ווארום דער גאנצער עולם קעהר דארטען ווארטין אויף מיר (עס הערט זיך וויא א געשרייא פון א סך מענשין, שלום'אניא קוקט זיך אום אונ זאגט) אהא אט געהן זייא טאקע שוין!

---

## זעקסטע סצענע

(עס קומען ארויס אסך יודען פון דער שוהל, מיט אסך קינדער וועלכע האלטען פאהנען אין דיא הענדט אונ אויף וועלכע עס ברענען וואקסענע ליכטליך אריין געשטעקט אין עפעל אריין, אטהייל פונעם עולם געהן צו צו שלום'אניאן אונ שרייען אוים מיט א שמחה)

**מענשין.** ר' שלום'אניא מזל טוב, איהר זענט געבליבען גבאי! קומט אין שוהל אריין! (זייא נעהמען איהם אריין אין דער מיטט אונ פיהרען איהם אונטער דעם ארום עטליכע מאהל דורך דיא ביהנע אונ זינגען — קני לעמיל צינדט אן זיין ליכטיל פון דער פאהן אונ געהט פון פארינט פאר אללע, ער בייסט בגניבה אללע מאהל אפ א שטיקיל עפיל אונ בריהט זיך אללע מאהל אפ דאס פנים פונעם ברענעדיקען ליכטעל, גיט ער אללע מאהל אשפרונג אין דער לופטען אונ פאלט)

**אללע.** פיהרט איהם גיך, פיהרט איהם גיך
פיהרט דעם גבאי אין שוהל אריין,
לעקיך וועלען מיר עסען, טרונקען וועלען מיר ווײן!
א גוטער יו"ט איז הושענא רבא
טרונקען אונ זויפען וויא פיעל עס קאן אריין
זינגט, אונ טרונקט צו ליעב דעם נייעם גבאי
א מצוה איז א גרויסע דיא נאכט אויף צו זיין,

פיהרט איהם גיך .... א. א. וו.

(מעהרענד זייא לאזען זיך ארייננעהן אין שוהל אריין זינגענדיק לאזט זיך דער פארהאנג לאנגזאם אראפ)

# דריטער אקט

---

## ערשטע סצענע

---

### פינפטעס בילד

---

(שטעלט פאר ר' פנחסיל'ס צימער, פון ביידע זייטען טהירען, אין



ער מיטט איין ארקע פון וועלכע מע זעהט ארויס א סאד, רבקה מיט פנחסלין קומען ארויס פון דער לינקער זייט, זייא האלטין ביידע אין א געשפרעך)

**רבקה.** (מיט א געשרייא) ניין, ניין דוא נועסט עס בייא מיר ניט פועלין. איך וויל ניט האנדלין קיין קאץ אין קיין זאק! וועניגסטענס האסטו איהם געזאלט שרייבען דעם חתן קני לעמיל, אז ער זאל ניט פאר פאהרין צום שדכן, נאר גלייך צון אונז. וואָרין טאמער איז ער באמת אזא מין פארזעהעניש, וואלטין מיר איהם געזעהן פון דאנען צו פטרין, אונ קיינער וואלט דער פון גאר ניט געוואוסט.

**פנחס.** בהמה וואס דוא ביסט! דעם שכל האב איך דאך אליין געהאט אן דיר, באלד נאך דעם וויא איך האב געהייסען קלמן שדכן ער זאל אוועק שרייבען אבריעף צו ר' שלום'אניאן, אז זיין זוהן קני לעמיל זאל צון איהם פאר פאהרין, אונ דארט זאלען מיר איהם מקבל פנים זיין, האב איך טאקע תיכף ומיד אוועק געשריבען אבריעף. טאקע צו דעם אייגענעם ר' שלום'אניאן, אז זיין קני לעמיל זאל צון אונז פארפאהרין, אונ מיר זאלען איהם דא מקבל פנים זיין.— נאר הער זשע אוים רבקה, מיט דיר וויל איך אוים געהמען איין זאך. מיילא דוא ביסט דיר אספאדריק זייא דיר אספאדריק, מאך חאטשע ניט אונזער טעכטעריל פאר קיין קליין ספאדריקעל! דוא אז דוא ווילסט ניט מעגסטו מיך ניט הערין דאס קינד אבער דארפסטו לערנין אז זיא זאל דרך ארץ האבען פאר א טאטען, זאל פאלגען א טאטען, דער קני לעמיל פארשטעהסטו איז מחויב יעדער מינוט אריין צו פאלין צון אונז אין שטוב אריין, האב איך געוואלט פריהער מיט אונזער טאכטעריל חייקעלע איבער שמיסען מכוח איהם וויל איך דיך בעטין זאלסט מיר האטשי אויף דער מינוט ניט זיין דער ווידער פארקערט דוא ביסט דאך א מאמע, דארפסטו זעהן אז מיר זאלען זיא ביידע אינאיינעם צו רעדין, ווייל אין צווייען פארשטעהסטו איז דאך שטארקער.

**רבקה.** נא פרעג איך דיך אליין פנחסיל. איז דאס ניט קיין עבירה זיא צו צו רעדין צון אזא אנטיק?

**פנחס.** איך זאג דאך דיר כאָטש אז זיא וועט ניט חעלין וועל איך זיא ניט נייטין, ראָט מהוא מיר נאר צו ליעב אויף דער מינוט אונ זייא מיר ניט דער ווידער — וויימטו וואס? דוא קאנסט זיך דאך ניט איין האלטין. מיט זשע דיך ניט, איך שטעה פון ווייטען אונ שוויג, נא זאגסטו מיר צו? (רבקה ענטפערט איהם ניט) אט וועל איך זיא טאקע תיכף אריין רופען אונ מיט איהר איבער

שְׁמִיעֶסְן (ער געהט צו צו דער גטהיר לינקס, אונ שרייט ארויס
חַיָּהלֶע טָאכְטֶער!

## צווייטע סצענע

(קאראלינא קומט אריין, ער פיהרט זיא צו צו דער מיטט בינה)

**קאראלינע.** וָואס אִיז פַּאטֶער?

**פנחס.** קוּם אַהֶער טָאכְטֶער צוּ דַיין גֶעטְרַייעֶן טַאטֶען, אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר עֶפֶּעס צוּ רֶעדִין, מִן הַכְּתָּם האט דָאךְ דִיר דִיא מַאמֶע שׁוֹין דֶערְצֶעהְלְט וָואס פַאר אַ יִידִין קִינְד אַ תַּכְשִׁיטִיל אִיךְ הָאבּ דִיר אוֹיס גֶעזִיכְט פַאר אַ חָתָן. אַז נָאט אוּנ לַייט וֶועלֶען דִיךְ מְקַנֵא זַיין. נָאר דוּא, ווייס אִיךְ דָאךְ אָבֶּער, הָאסְט אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹתִין אִין קָאפּ. אִיךְ הָאבּ דָאךְ מִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעשְׁטוֹיסֶען, דִיר דֶרֶעהט זִיךְ אַ הוֹיךְ קְנֶעפֶעלִי אִין דַיין נִידֶערִיג מוֹחִילֶע, אַ יַאקְסִיל דָעם דָאקְטָארס סִינָאקִיל. אַ יָאה דַיין טַאטֶע שְׁטוֹיסְט זִיךְ אָן? נָא פְרֶעג אִיךְ דִיךְ מַיין טָאכְטֶערִיל אַדְרַבָּא זָאג דוּא אַלַיין. וָואס אִיז גְלַייכֶער צוּ אַזַא גְרָאבּ שְׁטִיק גְווַאנְט, צוּ אַזַא פַיין זַיידִין שְׁטִיקִיל שְׁטָאף? (רבקה גיט איהם אשלעפ פון אונטען. ער קוקט זיך אום צון איהר. זייא מאכען ביידע שטימע מימיק גלייך וויא זייא קריגען זיך, וועהרענד אין דער צייט זאגט קאראלינע פיר זיך).

**קאראלינע.** אִיךְ מוּז יֶעצְט שְׁפִּיעלֶען מַיין רָאלֶע וויא מַיין מַאקְס האט מִיךְ גֶעלֶערִינְט. (צום פאטער הויך) זֶעהְסְטוּ פַאטֶער, הָאטְשִׁי מִיר פְרוֹיֶען זֶענֶען מֶעהר מְבִינִים אוֹיף זַיידִין שְׁטָאף וויא אִיהר מֶענֶער, נָאר בַּייא דֶער סְחוֹרָה וֶועל אִיךְ מִיךְ דַוְקָא פַארְלָאזֶען אוֹיף דִיר. דוּא בִּיזְט דָאךְ מַיין טַאטֶע בִּיז 120 יָאהר, דוּא ווינְשְׁט דָאךְ מִיר אַוַודַאי נִיט קַיין שְׁלֶעכְטְס.

**פנחס.** (קעהרט זיך אום צו רבקה'ן אונ זאגט צון איהר מיט א שמחה) נָא רִבְקָה, וואס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט? — (צו קאראלינען) אַזוֹי טָאכְטֶער אִיךְ הָאבּ פְרִיהֶער גֶעוואוּסְט אַז דוּא וֶועסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, אוּנ דוּא וֶועסְט אַלַיין אַרוֹיס זֶעהן אַז דֶער טַאטֶע ווינְשְׁט נָאר דַיין טוֹבָה, דַיין גְלִיק. אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז בַּאלְד נָאךְ דֶער חֲתוּנָה וֶועל אִיךְ אִיהם מַאכֶען פַאר אַ רַב אִין אַ קְלַיין שְׁטֶעטִיל. אוּנ דוּא וֶועסְט וֶוערִין אַ רֶבִּיצִין, אוּנ אַלֶע ווייבֶּער וֶועלִין דִיךְ מְקַנֵא זַיין...

**רבקה.** (איראניש) אָ ווַא, אָ ווַא!

**פנחס.** (צו רבקה'ן — בעז) שְׁטִילל רִבְקָה, הָאסְט דָאךְ מִיר עֶפֶּעס צוּ גֶעזָאגְט (צו קאראלינען) אַ יָאה טָאכְטֶערִיל? דֶער מַאנְן וֶועט דִיךְ מַדְרִיךְ זַיין בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר. ער וֶועט דִיךְ לֶערְנִין וָואס דִיא מוֹכֵר סְפָרִים שְׁרַייבֶּען. אַז אַ יוּדִישׁ קִינְד טָאהר



זִיךְ נִיט אַרַיין לָאזֶען אִין עוֹלָם הַזֶה, דוּא וֶועסְט גֶעוואָהר וֶוערִין פוּן אִיהם אַז אַ גְלַאנְצֶענְדִיק אֵייגֶעלֶע, אַ טְשַׁאקֶענְדִיג פִּיסֶעלֶע, דָאס אִיז אַלְץ הֶבֶל הֲבָלִים שָׂטָן, (רבקה גיט איהם אשלעפ פון הונטען, ער קעהרט זיך אום צון איהר אונ גיט אויף איהר א בעזין קוק אונ ענדיגט זיינע לעצטע עטליכע ווערטער מיט א געשרייא) שָׂטָן, קְלִיפָּה!...

**רבקה.** (שלאגט איהם איבער) אוי אַ קְלִיפָּה זָאל שׁוֹין פוּן דִיר וֶוערִין!

**פנחס.** (שטיפט זיא אוועק פון אונטען מיט דער האנדט, אונ רעדט ווייטער צו קאראלינען) אַ יָאה טָאכְטֶער? ס'אִיז אַלְסְדִינְג נַארִישְׁקַייטֶען, אַז מֶע שְׁטַארְבְּט לֶעגְט מֶען... (זיא גיט איהם א שלעפ, ער קעהרט זיך ווידער צון איהר בעז אונ ענדיגט זיינע ווערטער) אַלְסְדִינְג אִין דֶער עֶרְד אַרַיין! דֶער עִיקָר אִיז אַז דֶער מֶענְשׁ דַארְף זֶעהן, עֶר זָאל קוּמֶען אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט מִיט אַ רֵיינֶער נְשָׁמָה...

**רבקה.** צוּ בִּיסְטוּ מְשׁוּגָע, צוּ וָואסֶער שְׁוַוארְץ יָאהר, וָואס בִּיסְטוּ מִיט אִיהר מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת גָאר פְּלוּצִים פוּן דֶער הֶעלֶער הוֹיט? מִיר לֶעבִּין דָאךְ נָאךְ.

**פנחס.** (שטיפט זיא אונטין אוועק מיט דער האנד בעז, אונ רעדט ווידער צו קאראלינען) בְּכֵן דַארְף אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער נִיט קוּקֶען וָואס אִיז פַאקֶע, וָואס דֶער חָתָן אִיז נִיט אַזוֹי פוֹיגִילְדִיק, טְשָׁאקִינְדִיג, אַזוֹי וויא אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען מְדִינוֹת שְׁטֶעהט, זָאלְסְט נִיט קוּקֶען אוֹיפִין פַּאס, נָאר וָואס אִין פַּאס אִיז!...

**רבקה.** (בעז) אוי אַ פַּאס זָאל שׁוֹין פוּן דִיר וֶוערִין, רַחֲמָנוּת'דִיקֶער פַאטֶער!

**פנחס.** (צו רבקה'ן בעז) רִבְקָה! רִבְקָה הָאסְט דָאךְ מִיר עֶפֶּעס צוּ גֶעזָאגְט, פַארְקֶערְט לָאמִיר זִיא פְרֶעגִין וָואס וֶועט זִיא אַלַיין זָאגֶען? (ער קעהרט זיך אום צו קאראלינען) נָא וָואס עֶנְטְפֶערְסְטוּ טָאכְטֶער דַארוֹיף?

**קאראלינע.** (וויא מיט אפרימער מינע) וָואס זָאל אִיךְ עֶנְטְפֶערִין פַאטֶער, ס'אִיז דָען נִיט אַלְסְדִינְג אֶמֶת וויא דוּא זָאגְסְט? מִן הַסְתָּם אִיז אַזוֹי!

**פנחס.** (צו רבקה'ן מיט א שמחה) נָא רִבְקָה וָואס זָאגְסְטוּ אִיצְט? (צו קאראלינע) אוּ מַיין זִיס פְרִים טָאכְטֶערִיל! (ער גלעט זיא) אִיצְט זֶעה אִיךְ מַאקֶע אַרוֹיס אַז דוּא בִּיסְט ר' פִּנְחָסִילִ'ס טָאכְטֶער. (ער שטעקט אריין דיא לינקע האנד אין גארטעל, אונ מיט דער רעכטער גלעט ער זיך דיא בארד אונ זאגט מיט א צופרידענעם טאן) אַצוּנְד טָאכְטֶער שְׁטֶעל דִיר פָאר לְמָשָׁל אַז דֶער טַאטֶע פִיהרְט דִיר צוּ אַ יוּנְגֶען מַאנְן וָואס אַיין פִּיס הָאט זִיךְ אִיהם פַאר שְׁפֶּעטִיקְט מִיטִין וואַקְסִין אַ קֶעגִין אַנְדֶערִין, אוּנ דֶער טַאטֶע זָאגְט דִיר, זֶעהְסְטוּ חַיָּהלֶע אַט דָעם יוּנְגֶען מַאנְן זָאלְסְטוּ נֶעהְמֶען פַאר אַ חָתָן וָואס וָואלְסְטוּ דִיר דֶערְמָאלְט גֶעטְרַאכְט?

**קאראלינע.** אִיךְ וָואלְט מִיר גֶעטְרַאכְט אַז דֶער פֶעהלֶער שְׁטֶערְט אִיהם נִיט צוּ!

אַךְ גְאָטְ'ס וֶועג ! (פנחס שפרינגט אז אונטער פאר שמחה)

**רבקה.** סְ'הֵייסְט צוּן אַלֶדֶע שְׁוַוארְצָע יָאהר !

**פנחס.** (גיט אויף איהר א געשרייא) רִבְקָה ! (ער פאר קריצט מיט דיא ציין פאר כעס אונ מאכט צון איהר מיט דער האנד זיא זאל שווייגען. באלד קעהרט ער זיך ווידער אום צו קאראלינען אונ זאגט צון איהר מיט גוטען) אוי לֶעבִּין זָאלְסְטוּ מַיין טְהַייעֶר טָאכְטֶערִיל. — יָאה זָאג זָשֶׁע מִיר חַיָהלֶע לֶעבִּין וָואס וֶועסְטוּ אָבֶּער טְהוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיהם גֶעשְׁטְרָאפְט וָוארוּם דִיא קַשְׁיָא אויךְ דִיא אֵייגֶענֶע מַעֲשֶׂה וָועלְכֶער מֶענְשׁ אִיז דֶען דָערְפוּן בַּאוָוארִינְט. לְמָשָׁל עֶר דֶער זֶעהט נִיט אויף אֵיין אויג, סְ'הֵייסְט מִיטִין אַנְדֶערִין זֶעהט עֶר שׁוֹין דֶער פַאר אַ סַךְ בֶּעסֶער צוּ עֶר פְלוֹידֶערְט נִיט מִיט זַיין מויל. קַיין נִיבּוּל פֶּה וִויא אַנְדֶערֶע הוּלְטַייעֶס, סְ'הֵייסְט עֶר רֶעדְט אַבִּיסֶעל וִויא רוּפְט מֶען עֶס טְשִׁיפִּילְיָאוָוע, הוּקִיוואטָע, נָא וָואס וֶועסְטוּ דַאמָאלְס זָאגֶען ?

**קאראלינע.** וָואס הֵייסְט, אויף אַזוֹינֶעם דַארְף מֶען דָאךְ עֶרְשְׁט רַחֲמָנוּת הָאבֶּען. וָוארוּם וָואס אִיז עֶר גֶעבִּיךְ שׁוּלְדִיג אַז גָאט הָאט אִיהם אַזוֹי גֶעשְׁטְרָאפְט.

**פנחס.** אוי מַיין פְרוּם זִים טָאכְטֶערִיל. הָאסְט מִיךְ פָּשׁוּט מְחַיָה גֶעוֶועהן ! אִיךְ שֶׁעץ מִיךְ מִיט דִיר מֶעהר גְלִיקְלִיךְ וִויא מִיט מַיין גַאנְץ עֲשִׁירוּת. (ער הייבט אוש אן ארום צו לויפן איבער דער שטוב הין אונ צוריק פאר שמחה. אונ קלאפט איין האנד אין דער אנדעריר צו פרידען).

**רבקה.** (צו קאראלינען) בַּארֶעכִין דִיךְ גִיט טָאכְטֶער פְרִיהֶער וָואס דוּא ווִילְסְט שְׁפֶּעטֶער טְהוּן, זֶעה זָאלְסְט נָאךְ דֶעם קַיין חֲרָטָה נִיט הָאבֶּען. בֶּעסֶער זִיךְ צוּ שְׁטֶעלִין אויף דֶער עֶרְשְׁטֶער אָלֶף, אֵיידֶער דֶערְנָאךְ וֶועלִין צוּרִיק חַאפֶּען דָאס וָואס עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין פַארְפַאלֶען. (פנחס וועהרענד זיא רעדט לויפט ער צו אונ שטעלט זיך אין דער מיטט אונ מאכט בודטא וויא ער פאר שטעלט קאראלינען זיא זאל ניט הערין וואס רבקה רעדט. אין דעם מאמענט הערט מען פון דרויסען קני לעמילם שטיממע).

**קני לעמיל** אָט דָא וואהְנְט ר' פ... פִּנְחָסִיל ?

**פנחס.** שַׁאט, שַׁאט, מִיר דַאכְט אַז עֶר קוּמְט אָן, רִבְקָה אִיךְ בֶּעט דִיךְ אַז דוּא זָאלְסְט אִיהם שֶׁעהן אויף נֶעהמֶען. אונ דִיא טָאכְטֶערִיל זֶעה זָאלְסְט מִיט אִיהם שֶׁעהן רֶעדִין, אִיךְ זָאל חָאטְשׁ נִיט מְבוּיָשׁ וֶוערִין. (ער לויפט צו צו דער טהיר לינקס, עפינט זיא אויף אונ זאגט) יָאה, יָאה אָט דָא וואהְנְט ר' פִּנְחָסִיל. קוּמְט אַרַיין, קוּמְט אַרַיין.





## דריטע סצענע

(קני לעמי קומט אריין בלייבט שטעהן בייא דער טהיר אונ קוקט זיך ארום)

**קני לעמיל.** שׁ... שׁ... שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם ר' פ... פִּנְחָסִיל (ער גיט איהם דיא האנד)

**פנחס.** בָּרוּךְ הַבָּא ר' שָׁלוֹם אֲנְיָאס ווהן קוּמְט אַהֶער גֶעהֶנְטֶער, דָאס בִּין אִיךְ טַאקֶע אַלֵיין אַייעֶר מְחוּתָּן ר' פִּנְחָסִיל, אונ דָאס אִיז (ער וויזט אן אויף רבקה'ן) מַיין פְלוֹנִיתְטָע, אונ דָאס אִיז (ער וויזט אויף קאראלינען) אַייעֶר כַּלָּה.

**קאראלינע.** (פיר זיך) אָה, וִויא מַיין מַאקְס הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְטְרֶעפְלִיךְ פַאר שְׁטֶעלְט עֶס אִיז אִיהם גָאר אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ דֶער קָאנֶען, (צו קני לעמלין) אִיךְ הָאבּ מִיךְ דִיא עֶהרֶע פָאר צוּ שְׁטֶעלֶען. — אַייעֶר כַּלָּה קַארָאלִינֶע !

**קני לעמיל.** וָואס רֶעדְט זִיא עֶפֶּעס גָאר מִיט מִיר דַייטְשְׁמֶערִישׁ ? מֶע טָאהר דָען ?

**קאראלינע.** (מיט אשמייכיל) אִיךְ בִּין אַייעֶר כַּלָּה.

**קני לעמיל.** מַיין כ... כַּלָּה ? יָאה אִיךְ ווַייסְס.

**קאראלינע.** יָאה אַייעֶר כַּלָּה קַארָאלִינֶע.

**קני לעמיל.** וָואס הֵייסְט דָאס ק... קְרַאנָאלִינָע ? (צו ר' פנחסלין וועלכער האט דיא גאנצע צייט מיט רבקה'ן געמאכט שטימע מימיק גלייך וויא זייא קריגען זיך) ר' פ... פִּנְחָסִיל אוי אִיז דָאס אֵיין אַ פִּיק... ק... קוּרְסִ'טְע ! אַ יוּדִישֶׁע טָאכְטֶער מֶעג זִיךְ גִיבֶּען אַ פ... פְרִיצִי'שֶׁען נָאהמֶען ?

**פנחס.** (געהט צו צו קאראלינען אונ ראהמט איהר איין אין אויער) חַייֶקעלֶע הָאסְטוּ בַּאדַארְפְט אִיהם זָאגֶען (צו קני לעמלין) פַאר שְׁטֶעהט אִיהר מִיךְ ר' קְנִי לֶעמִיל, אַ מֵיידִיל, אַבִּיסִיל פוּן הַיינְטִיגֶער וֶועלְט, אונ לֶערִינְט אַבִּיסִיל פְרֶעמְדֶע לְשׁוֹנוֹת. שַׁאדְט נִיט. פוּן דֶעסְטְוֶועגִין אַ גַאנְץ עֶהרְלִיךְ קִינְד.

**קני לעמיל.** (קוקט כסדר אויף קאראלינען) אוי אִיז דָאס אַן אַפִּיק... קוּרְסִיטָע. זִיא לֶערִינְט גָאר טְרֵיפָה פְּסוּלֶען ? אויף וָואס ג... גֶעוֶועט אַז זִיא ווַייסְט אַפִּילוּ נ... נִיט וָואס פַאר אַ ס... סֶדְרָה סְ'גֶעהט.

**קאראלינע.** (פיר זיך) קוּשֶׁען אִיז עֶר וֶוערְט וִויא נַאטוּרְלִיךְ עֶר שְׁפִּיעלְט זַיין ראָללֶע (צו קני לעמלין) לֵיידֶער ווַיים אִיךְ נִיט.

**קני לעמיל.** וָואס זָאגְט זִיא עֶפֶּעס ל... לֵיידֶער, נָא דִיר גָאר אַסֶדְרָה ל... לְדוֹר וָדוֹר ! אוי אִיז דָאס אַיין אַ פ... אַ פִּיקוּרְסִ'טָע, אויף וָואס ג... גֶעוֶועט אַז זִיא גְלַייבְּט נִיט אַפִילוּ אִין שׁ... שֵׁדִים אונ אִין רוּחוֹת, אונ אִין ג... גוּטֶע יָדֶע.

**קאראלינע.** וָוער גְלוֹיבְּט דֶען הַיינְט אִין דִיא נַארִישְׁקַייטֶען ?

**קני לעמיל.** אוי אִיז דָאס אַיין אַפִּיק... קוּרְסִיטָע, דִיא גְמָרָא שְׁרַייבְּט דָאךְ אַז פ..

מע טו יאה גלויבען אין ש... שדים, אונ אין רוחות, אונ אין ג... גוטע יודען, א יודישע טאכטער מ... סאו האלטען וואס אין דער גמרא ש... שטעהט!

**פנחס.** (צו רבקה'ן) דוא הערסט וויא מע קאן גמרא?

**רבקה.** יאה איך הער, אוודאי איז דאס א שעהן לשון פון א חתן וואס קומט דאס ערשטע מאהל אנקוקען א כלה, היינט קוק אן דאס גאנצע נפש, פערד וואס דוא ביסט! נא וואס זאגסטו דארויף?

(וועהרענד פנחס מיט רבקה'ן רעדין ווארפט קאראלינע איהם פון דער וויטענס צו ליעבליכע קוססע)

**קני לעמיל.** (צו פנחסלין) ר' פ... פנחסיל, וואס מיינט זיא מיט דעם?

**פנחס.** (הערט איהם ניט, אונ רעדט צו רבקה'ן) איך וועל דיר זאגען רבקה אזוינע בית המדרש קינדער שעהמען זיך צו רעדין מיט א כלה דיא עלטערין אין דיא אויגען, דוא געדענקסט אז מיר זענען געוועהן חתן כלה האבען מיר זיך אפילו געשעהמט צו קוקען אין דיא אויגען, קום לאמיר אוועק געהן, אז לאמיר זייא דא לאזען אליין, וועלין זייא זיך שוין דא אויס טענה'ן. (זייא לאזען זיך אוועק געהן לינקס)

**קני לעמיל.** (לויפט זייא נאך אונ שרייט) ר' פ... פנחסיל, וויהין געהט איהר? איהר לאזט מיך מיט א ב... בתולה אונטער איין דאך ט... מע טאהר דען?

**פנחסיל.** גישקשה בלייבט דא איבער, מיר וועלין באלד צוריק קומען. (זייא געהן אוועק).

**רבקה.** (ארויס געהענדיג) אזא מזל מעגט איהר ביידע האבען!

(זייא געהןביידע אוועק, קני לעמיל וויל זייא נאך לויפען, **קאראלינע** **חאפט איהם אן פון אונטען בייא דער קאפאטע, שלעפט איהם** **אריין צוריק)**

**קאראלינע.** נא גענוג שוין מאקס, הער שוין אויף.

**קני לעמיל.** אוי וועה! איז דאס איין א פ... אפיקורסטע, א בתולה טאהר שלעפען א פרעמדען זכר בייא דער קאפאטע?

**קאראלינע.** (פליעסקיט מיט דער האנד) בראוואָ מאקס! האסט גוט געשפיעלט דיין ראלע וויא איין העכסטער אקטער.

**קני לעמיל.** וואס פליעסקיט זיא? זיא מיינט אז מיר זענען שוין אויף דער חתונה.

**קאראלינע.** נא גענוג שוין ליעבער מאקס.

**קני לעמיל.** וואס, זיא שעלט מיך גאר מיט מכות? (ער לעגט צונאויף ביידע הענט) א מ... מכות בכורות אויף דיין קאפ.

**קאראלינע.** נא גענוג שוין, האסט פאר טרעפליך גוט געשפיעלט דיין ראללע.



לאמיר בעסער רעדען פון וויכטיגערס, וויא דיינקסטו ווייטער דיין פלאן אויס צו פיהרען, ווערט נימאנד הינדערין?

**קני לעמיל.** וואס רעדט זיא ס... מיט מיר פון אויס פ... פיהרען הינדעליך? איך בין דען א היין? איך בין ג... געקומען נעהמען 1000 רענדליך גדן, אונ ה... דיך פאר א ווייב, אונ שוין!

**קאראלינע.** אז איך בין דיינע, דאס וויים איך שוין פון לאנג, גאר פון וואנען ווייסטו אז דער פאטער וועט וועלין?

**קני לעמיל.** וואס הייסט? דיין ט... טאטע האט דאך מיר ג... געשריבען אז איך זאל קומען ד... דיך נעהמען פאר א ווייב, אונ אט בין איך דא!

**קאראלינע.** מאקס! קוועהל מיך ניט לענגער מיט דיין פארשטעלין, אלא ניט וועל איך מיינען אז דוא נארסט מיך אפ, זיסער מאקס!

**קני לעמיל.** וואס? איצט איז שוין געווארין זיסע מכות! הער ז... זשע, אז דוא וועסט מיך ניט רופען בייא מיין כשר'ען נאהמען קני לעמיל, נעהם איך ד... דיך ניט פאר א ווייב!

**קאראלינע.** (וויא איסקאנפאזיט) ע, דוא ווילסט מיך איבער לאזען, אה דיין שפאס איז שוין צו ווייט מיט מיר, (פרייליכער) געדענקסטו וויא דוא האסט מיך אליין געלערינט קו קו!...

**קני לעמיל.** (קוועלט פארווינדערט) וואס פאר א קו קו? זיא שפיעלט זיך שוין מיט מיר גאר אין קו קו!

**קאראלינע.** (ערנסטער) מאקס! קוועהלסטו מיך נאך לענגער מיט דיין מאסקע רייס איך זיא דיר אפ מיט א קוש!

**קני לעמיל.** אוי איז זיא טאקע דאס וואס מע טאהר ניט אויס זאגען, פאר א חתונה קושט מען זיך? מע טאהר דען?

**קאראלינע.** דוא בעוועגסט דאך מיך אבער דער צו, אונ איך קאן עס שוין ניט מעהר אויס האלטען, מאקס, טהייערער מאקס! (זיא וויל איהם ארום נעהמען א קוש טהון, ער רייסט זיך אויס פון איהר אונ שרייט)

**קני לעמיל.** שמע ישראל! שמע ישראל! (ער לויפט ארויס רעכטס)

**קאראלינע.** (בלייבט שטעהן סקאנפאזיט) וואס איז דאס? מאקס זאל זיך אזוי באנעהמען געגען מיר? ער וואס האט געשוואוירן אז ער וועט אפפערין זיין לעבין פון מיינעט וועגין, ער זאל זיך מאכען מיט מיר אזא שפאס, וועהרענד מיר זענען אליין, ער זאל זיך פון מיין קוש ארויס רייסען אונ אנטלויפען, איך קאן עס מיר גאר ניט ערקלערין, (פויזע) נאר ווארט מאקס דיא סצענע וועט דיך טהייערער קאסטען, קומסטו נאך אמאהל אהער, אבער מיר וועלין זיך ערגיץ באגעגינען, מוזין מיר זיך ביטין מיט דיא ראללען, דאמאלס וועל

איך מיך שטעלין קאלט געגין דיר וויא דוא יעצט געגין מיר, (אין דעם מאמענט הערט זיך פון דער לינקער זייט פנחסילס מיט רבקהס קול וויא זייא לאזען זיך אריינגעהן, קארא לינע גיט זיך וויא א חאפ, אונ זאגט) אַ! דער פאטער לאזט זיך געהן אהער. — פון דעסט וועגין מוז איך נאך שפיעלען מיין פריהערינע ראללע.

## פערטע סצענע

(פנחס מיט רבקה'ן קומען אן, מע הערט נאך זיין קול פון יענער זייט)

**פנחס.** צו שפעט, צו שפעט, אמת! איצט זעה איך ארויס אז אלסדינג וואס דוא האסט מיט מיר דארט געטענה'ט איז טאקע אמת, יאה יאה. איך זעה שוין ארויס וויא ווייט איך האב מיך אין איהם אפ גענארט, אמת טאקע. ער איז א תכשיט, איין אבן טוב א בעל גמרא, א גרויסער בעל יחוס, ר' שלום'אניאס זוהן. נאר איך בין מסופק, טאקע אזוי וויא דוא האסט מיר געזאגט, צו אונזער קינד וועט קאנען מיט איהם אפ לעבין איהר וועלט? — איין זאך איז מיר נאר שלעכט, איך האב מיין ווארט געגעבין אונ טאהר עס ניט משנה זיין! נאר אויב זיא אליין וועט איהם ניט וועלין זיא מעג זאגען ניין. וויל איך מיך שוין אין דעם שידוך ניט אריין מישען.

**רבקה.** אהא! א מצוה אויף דיר דוא אלטער פערד וואס דוא ביסט אזוי פליטיסט אין אללע דיינע געשעפטין. איך האב פריהער געוואוסט אז דוא וועסט חרטה האבען, אצונד קאנסטו מאכען בעסער, נא אדרבא מאך.

**פנחס.** אמת, אמת, ווייסטו אבער וואס רבקה איך רעכין אז אונזער טאכטעריל אללייןן וועדלוג זיא איז פון היינטיגער וועלט וועט זיא איהם אוודאי ניט וועלין אונ מיר דאכט אויב זיא האט איהם שוין ניט אפ געזאגט אונטער 4 אויגען. וויל איך האב איהם געזעהן ארויס לויפען פון דאנען גאנץ בעז. ווארט אט וועלין מיר זיא באלד פרעגין וועלין מיר שוין וויסען. (ער געהט צו צו קאראלינען וועלכע שטעהט אין דער גאנצער צייט פאר זונקען אין געדאנקען) חיהלע. חיהלע! שטעהסט פאר טראכט טאכטער. זעהסט גאר ניט ווער עס שטעהט נעבין דיר, (זיא הייבט אויף דעם קאפ אונ קוקט אויף איהם) מוזט אוודאי בעז זיין אויף דיין טאטען וואס ער האט דיך צו גערעדט צון אזא חתן?

**קאראלינע.** דוא קאנסט דאך מיך פאטער. מיר איז נאר שווער געוועהן זיך צו ענטשליסען, צו זאגען יאה. נאר קאם האב איך נאר איינמאהל געזאגט יאה איז שוין פארפאלין. איך בין וועהר צו פרידען מיט דעם שידוך זאגאר גליקליך.



**פנחס.** (בלייבט שטעהן איניגע סעקונדען שטים, גלייך וויא ער קאן דיא שפראכע ניט געפונען, ער קוקט נאר פאר וואונדערט באלד אויף רבקהן, אונ באלד אויף קאראלינען נאכדעם גיט ער מיט אמאהל אזאג) וועה איז מיר! רבקה דוא הערסט? א גליק האט זיא געטראפען גאר מיט דעם פארזעהעניש. ניין, דאס קינד איז עפעס ניט מיט אללעמין, וועה איז מיר זיא איז אראפ פונעם זינען, (הייבט אן ארום צו לויפין איבער דער שטוב, אונ ברעכט דיא הענדט) וואס האב איך געטהון? וואס האב איך געטהון?

**רבקה.** (צו קאראלינען) טאכטער מיינע, דוא טרייבסט קאטאוועס? דוא ווייסט דאך אז אצונד איז ניט דיא צייט צו שפאסען, פארגעס ניט אז פון דיין איצטיגען "יאה" אדער "ניין" הענגט אפ דיין לעבין דיין גליק. מיר זענען געקומען ביידע זאלסט אונז מודה זיין וואס דוא טראכסט ביי דיר אין הארצין, מוזט וויסען אז דער טאטע אליין האט שוין אויך חרטה וואס ער האט גאר אריין געלאזט אזא פארזעהעניש אין שטוב אריין, זאג נאר אז דוא ווילסט איהם ניט, וועלין מיר נאך זיין צו פרידען.

**קאראלינע.** מוטטער, דוא קריינקסט מיך נאך מעהר מיט דעם וואס דוא באליידיגסט אזא פיין-געבילדעטען מאנן, איך האב מיך שוין גענוג איבער-לעגט, אונ וואס מעהר איך רעד מיט איהם מעהר זעה איך ארויס וואס פאר אקונסטער דאס איז, וואס פאר איין עדלער גייסט אין איהם ליגט! (פנחס שטעהט דיא גאנצע צייט נעבין איהר אונ הערט אויס וואס זיא רעדט, ער פאר ברעכט דיא הענט)

**פנחס.** וועה איז מיר, וועה איז צו מיינע יאהרין! וואס איז דאס רבקה? אט אין דעם קאליקע, אט אין דעם שטימע לעלע האט זיא זיך אזוי זיך פארליאבעט? — ניין, דאס קינד איז נאר אראפ פונעם זינען. (לויפט ווידער ארום איבער דער שטוב אין קלאפט זיך מיט דיא האנד אין קאפ אונ שרייט) דאס איז נאר דורך מיר, איך בין שולדיג אין דעם, איך אלטער נארר, איך האב זיא אלליין צו גערעדט!

**רבקה.** מיין קינד, טהוט דיר ניט וועה אפשר דאס קעפילע שווינדעלט דיר גיט אין דיא אייגעליך, נאגט דיך ניט פיליכט ביים הערצעלע.

**פנחס.** אפשר ביסטו חלילה הונגעריג?

**רבקה.** (שטיפט איהם אוועק פון איהר) ווארום איך ווייס, ווען דוא זאלסט זיין ביי דיא ריינע געדאנקען וואלסטו אזעלכעס ניט גערעדט. סיטייטש אזוי פאר גלייבט וויא דוא ביסט געוועהן אין מאקסין...

**פנחס.** (לויפט צו צון איהר בעז) אהא מאקס, מאקס! שוין ווידער מיט מאקסין...

**רבקה.** (שטיפט איהם אוועק מיט דער האנד, אונ רעדט ווייטער צו קאראלינען)

נא און צום סוף זאל דיך איבערראשען, זאל דיך קאנען פאר בלענדען אזא באנעהמעניש. וואס, גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, עס איז דאך פשוט מיאוס אויף איהם אקוק צו טהון! (פויזע) ניין טאכטער, דוא ענטוועהר מיר נאר איין ווארט וועל איך וויסען צו דוא ביסט בייא דיא ריינע געדאנקען צו זיין, א שטיינער ווען מע שטעלט דיר דא אנידער מאקסין, מיט אט דעם פארזעהניש. (ביים ווארט "מאקסין" מאכט פנחס אבעזע מינע) און מע זאגט דיר, קלויב דיר אויס טאכטער איינעם פון דיא ביידע, וועלכען דוא ווילסט, וואס וואלסטו געענטווערט?

**קאראלינע.** (און צו פרידען) קריינק מיך ניט כוטטער!

**פנחס.** (לויפט צו צו רבקהן בעז. און זאגט מיט א געשרייא) ווידער הייבסטו אן מיט דיין ספאדיק, ווידער מיט דעם מאקסין? איך זאג דיר אז דוא זאלסט מיר גאר דעם נאהמען מאקס ניט דערמאנען ווען איך וויים אז איך וועל אום קומען, וועל איך ניט דער לאזען אז זיא זאל נעהמען דעם שטאמבירטען מאקסלין. גיכער וועל איך זיא צו רעדין זיא זאל נעהמען דעם קאליקע, איידער דעם יאקטארס סינאק. (ער ווענדעט זיך צו קאראלינען, און רעדט צון איהר מיט גוטען) איך באשווער דיך טאכטעריל מיינס, זאלסט מיר זאגען דעם ריינעם אמת, וואס האט ער דא מיט דיר אזוינס גערעדט, וואס דוא ביסט אזוי צו געזאטין געווארין צון איהם? — ניין, ס'איז ניט אנדערש, וועער ווייסט וואס פאר א פארבארגענער צדיק, א בעל מופת דאס מוז זיין! (ער לעגט ארויף דיא האנדט אויפין שטערין, פאר טראכט זיך, דער נאך גיט ער זיך וויא מיט אמאהל אחאפ אויף, און זאגט מיט אשמחה צו רבקה) שא! רבקה, ס'איז מיר עפעס איינגעפאלען, אויב איך האב קיין טעות ניט מוז עס אוודאי אזוי זיין.— איך וויים אז ס'איז דא אויף דער וועלט ל'וניקעס, וואס זייא קאנען באווייזען גרויסע מופתים, למשל, זייא קאנען זיך מאכען ניט זעהענדיק, זייא קאנען פארענדערין זייער געשטאלט, אט זענען זייא, און אט זענען זייא דארט, אט איז ער א מענש, און אט איז ער אבהמה! אפשר איז ער טאקע אויך איינער פון דיא לייט, הא? אקשיא אויף אמעשה! (צו קאראלינען) זאג מיר נאר טאכטער, אז ער האט דא פריהער גערעדט מיט דיר איז ער געוועהן דער איינענער מענש וואס פריהער, צו ער איז גאר איבער געביטען געווארין?

**קאראלינע.** (מיט אפארשטעלטען אונשולד) ניין פאטער, ער איז גאר אן אנדערער מענש געווארין. ער האט מיך אזוי איבערראשט, אז...

**פנחס.** (נייגירדיג) אז וואס, אז וואס?

**קאראלינע.** אז איך האב איהם אזש געוואלט קושען...



**פנחס.** נא נא, וואס זשע איז ווייטער געוועהן?

**קאראלינע.** ער איז אבער פאר שווינדען געווארין.

**פנחס.** (איבערראשענד) הא, פאר שווינדען?! אוועק געפלויגען?! דוא הערסט רבקה, אפ, פא! (ער מאכט מיט דיא הענד וויא איינער וואס פליהט) נא רבקה, איז דאס ניט אויף מיינע רייד, ער איז ניט נאר א צדיק, נאר א ל'ורניק אויך, יאה יאה, אזוי איז עס טאקע, (אין דעם מאמענט הערט זיך וויא איינער קומט אן רעכטס) שטעהט, מיר דאכט אז דאס קומט ער שוין ווידער אן.

## פינפטע סצענע

(מאקס קומט אריין פאר קליידעט אלס קני לעמיל)

**פנחס.** (לויפט איהם א קעגין, און זאגט צון איהם מיט דרך ארץ) וואס זענט איהר אנטלאפען געווארין, און וואס זענט איהר איצט צוריק געקומען איהר האט עפעס דא פאר געסין?

**מאקס.** יאה, איך האב דא עפעס פאר ג... געסין צו זאגען אייער טאכטעריל, לאזט אונז דא אליין.

**פנחס.** זעהר רעכט, זעהר רעכט. (צו רבקה'ן) קום רבקה. (ווערענד זייא לאזען זיך אוועק געהן, זאגט ער צון איהר שטיל, און ווייזט איהר מיט דער האנד זיא זאל באטראכטין מאקסין) נא רבקה, וואס זאגסטו איצט? דוא זעהסט אז ס'איז גאר ניט דער איינענער, פריהער האט ער מורא געהאט צו בלייבען מיט איר אליין, איצט. הייסט ער אונז שוין אליין אוועק געהן, און עס איז שוין גאר ניט דאס פריהערדיגע לשון מיטין קול. ס'איז טאקע אזוי וויא איך זאג, קום גיך רבקה לאמיר אוועק געהן.

(זייא געהן ארויס ביידע לינקס, מאקס קוקט זייא נאך ביז זייא נעהן אוועק)

**קאראלינע.** (פיר זיך) ער האט ווארשיינליך איינגעזעהן זיין פעהלער איז ער געקומען זיך פאר מיר פאר ענטפערין.

**מאקס.** (ווערענד פנחס מיט רבקה'ן זענען אוועק געגאנגען) אה גליקליכער אויגענבליק! מיט דיר אלליין צו זיין בייא דיין פאטער אין צימער און פאר קיינעם קיין מורא ניט האבען. (ער לויפט צו צון איהר און וויל זיא ארום נעהמען. זיא שטיפט איהם אפ פון זיך)

**קאראלינע.** געה, געה מיט דיינע קאמפלימענטין דוא הארטער מענש וואס דוא ביסט!

**מאקס.** (פארווינדערט) איך פאר שטעה דיך גאר ניט, וואס האב איך דיר אזוינס

געטהון וואס דוא רופסט מיך אן הארטער מענש ?

**קאראלינע.** דוא פרעגסט נאך ? האסט מיך נאך באדארפט אויס פריווען צו ליעב איך דיך ווירקליך ?

**מאקס.** איך פארשטעה דיך גאר ניט וואס דוא רעדסט.

**קאראלינע.** מאכסט זיך ווידער ניט וויסענדיק ? פאר מיר דארפסטו זיך אויך פאר שטעלין ? דארט וויא איך בין צו דיר אזוי צו געלאזט , קאנסטו האבען דאס הארץ מיך אוועק צו שטיפען ?

**מאקס.** (ערשטויענד) ווען האב איך דיר דאס געטהון ? וואס רעדסטו ? ווען האב איך דיר ניט געענטווערט מיט דער זעלבע ליעבע וואס דוא מיר ? וואס איז דיר עפעס יעצט אין קאפ אריין ?

**קאראלינע.** דוא מאכסט זיך טאקע אלץ ניט וויסענדיק ? האסט פאר געסין וויא דוא האסט מיך צוריק געווארפין אן רחמנות , ווען איך האב דיך געוואלט קושען דער פאר וואס דוא האסט אזוי גוט געשפיעלט דיין ראללע ?

**מאקס.** דוא האכט מיר געוואלט קושען , אונ איך האב נאך ניט געוואלט ? איך זאג דיר אז ניט אנדערש נאר דיא רעדסט פונעם שלאף !

**קאראלינע.** אויב אזוי ווייס איך שוין גאר ניט וואס צו קלערין , מיינע עלטערין זאגען אז איך בין אראפ פונעם זינען , אונ דוא זאגסט אז איך רעד פונעם שלאף , איך וועל שוין טאקע באלד אנהייבען צו צווייפלין צו בין איך בייא מיינע ריינע געדאנקען .

**מאקס.** שטעה נאר , (קלעהרט עטוואס) זאג מיר איך בעט דיך , זייט מיר האבען ביידע דאנן גערעדט אין גארטין , האבען מיר זיך נאך ערגעץ אמאהל געזעהן ?

**קאראלינע.** וואס הייסט ? ביסטו רען ניט אליין ערשט פאר איין פירטעל שטונדע געוועהן בייא אונז אין שטוב , אונ איך האב דיך אזוי באוואונדערט וויא גוט דוא האסט איהם געקאפירט ?

**מאקס.** (נאך איינינע סעקונדען קלערינדיג , צו לאכט זיך שטארק) חא חא ! וואס האסטו געטהון ? האסט זיך צו גיך געאיילט . דאס איז דאך געוועהן דער אמתער קני לעמיל , אונ איהם האסטו עם געוואלט קושען , חא חא חא !

**קאראלינע.** (פאר שטעלט זיך דאס פנים גליין וויא זיא האט זיך פאר שעהמט) חא חא חא ! דאס איז געוועהן דער אמתער קני לעמיל , אונ איהם האב איך עם געוואלט קושען , חא חא חא ! דוא זאלסט געוועהן זעהן וויא דער ים קאטער האט זיך אויס געריסען פון מיינע הענט מיט א פין שמע ישראל , חא חא ! ווירקליך איך שעם מיך . איך קאן דיר אגש אין פנים ניט קוקען . פערצייהע מיר ליעבער מאקס .



**מאקס.** (ליעבליך) יאה איך פערצייהע דיר , נאר מיט דעם בעדונג , זאלסט מיר אפ געבין דעם קוש וואס דוא האסט איהם געוואלט געבין .

**קאראלינע.** (שמייכילט שעהמיוודיג) נא נא דאס וועלין מיר איבער לאזען אויף איין אנדערס מאהל , יעצט מוזין מיר בעסער רעדין פון וויכטיגערס , זאג מיר וויא דענקסטו ווייטער צו טהון ? דער קני לעמיל איז יעצט אוועק געגאנגען , אונ קאן מיט יעדען אויגענבליק צוריק אהער אנקומען וואס זשע וועט זיין אז איהר וועט אייך דא ביידע אנטרעפין ?

**מאקס.** אט דאס זיך איך טאקע , ווייל איך בין ערפאהרין אז ער איז געקומען מוז איך מיך אויף אלסדינג פאססען איהם אין וועג צו שטעהן , דוא זאג מיר נאר , וויא האלט דיין פאטער פון איהם ?

**קאראלינע.** מיין פאטער ? איך וועל דיר זאגען , אנפאנגס האט ער שוין בערייעט וואס ער האט איהם גאר אהער געבראכט , אונ האט מיך געבעטין איך זאל מיך שוין פון איהם אפ זאגען , נאר איך האב דאך אלץ געמיינט מיט דעם פארשטעלטין אז דוא ביסט עס , האב איך מיך געהאלטין איינגם . אז נאר איהם וויל איך , אוודאי האב איך אויס געזעהן וויא משוגע , נאר איין זאך האט מיין פאטער אויף געקלעהרט , איהם איז איינגעפאלען אויב דער חתן קני לעמיל איז ניט איינער פון דיא לידניקעס , וואס קאנען בעווייזען איבער נאטורליכע וואונדער , אונ זיין געהיימע צויבער קונסט האט ער געברויכט מיך איינצולאקען .

**מאקס.** (נאך איינינע מינוטען קלערינדיג) בראוואו ! אט דאס קומט מיר צו נוץ , קאראלינע עס וועט זיין רעכט , גיב מיר נאר שנעלל פאפיר , טינט אונ פעדער (זיא ווייזט איהם אויפין טיש אויף וועלכען עס שטעהט טינט אונ פעדער , ער זעצט זיך ביים טיש , אונ שרייבט) ס'איז מיר ווידער איינגעפאללען א פלאן , דוא וועסט נעהמען דאס צעטילע , אונ וועסט עס איבער געבין מיינע קאמע ראדען , וועלכע ווארטין דא אין דרויסין אויף מיר , ווייל איך האב זייא מיר פארבערייטעט , אז אום פאל ווען עס וועט אויס קומען אין א נויט זאלין זייא מיר שטעהן צו הילף , (ער שרייבט אפ אונ גיט איהר דאס צעטיל צוזאמען אויף געלייגט) נא , געה גיב עס זייא איבער , אונ אז זייא וועלין עס איבער לייענען וועלין זייא שוין וויסען וואס זייא האבען צו טהון .

**קאראלינע.** (ליעבליך) אה ליעבער מאקס , דיינע ווערטער האבען מיך ערקוויקט געבע גאט אז דיין פלאן זאל אויס געפיהרט ווערין (זייא אומארמען זיך)

## זעכסטע סצענע

(אין דעם מאמענט קומט אן קני לעמיל רעכטס אונ וויא ער דער זעהט אז זייא אומארמען זיך , גיט ער א געשרייא)

**קני לעמיל.** גוואלד! ער וועט מיר צו ק... קוועטשען מיין כלה! (ווייא דער שרעקט זיך, קאראלינע לויפט ארויס פאר שעהמט, מאקס טהוט עטליכע טריט נאהענטער צו קני לעמלין. קני לעמיל בלייבט עפעס שטעהן וויא דער שראקען קוקט באלד אויף זיך, אונ באלד אויף מאקסין, גלייך וויא ער וויל זיך איבער צייגען צו דאס איז ער צו ניין, אונ נאך איינעגע מינוטין באטראכ־טענדיג זיך איינס דאס אנדערע, זאגט ער) אוי וועה! אבער א ק... אקוראט וויא איך!

**מאקס.** (מיט דער אייגענער מינע וואס קני לעמיל) אבער אק... אקוראט וויא איך! (קני לעמיל טהוט עטליכע טריט נאהענטער צון איהם הינקענדיק, מאקס טהוט איהם דאס זעלבע נאך, קני לעמיל ווערט נאך מעהר איבערראשט, אונ באטראכט זיך נאך אמאהל)

**קני לעמיל.** וו... ווער ביסטו?

**מאקס.** וו... ווער ביסטו?

**קני לעמיל.** איך? איך בין ק... קני לעמיל ר׳ ש... שלום־אניאס זוהן דער פרנס חודש פון ש... שאחרייעווקע.

**מאקס.** ל... ליגנער! וויא אזוי קאנסטו זיך אויס ג... גיבען פאר מיר? אז איך בין גאר ק... קני לעמיל, ר׳ שלום־אניאס זוהן דער פרנס חודש פון ש... שאחרייעווקע.

**קני לעמיל.** (פארווירט) אוי וועה! מיין כ... כלה רופט מיך מ... מכות, אונ ער זאגט גאר אז ער איז ק... קני לעמיל. וו... ווער זשע בין איך?

**מאקס.** וויא אזוי קאנסטו מיר באווייזען אז דוא ביסט ק... קני לעמיל.

**קני לעמיל.** וו... וואס הייסט וויא אזוי? דיא ג... גאנצע שטאדט ווייסט אז ק... קני לעמיל איז בלינד נאר אויף איין אויג, אונ קרום, אונ אק... א קאפעלע הוקיוואטע. אהה (ער וויזט איהם אז ער געהט קרום)

**מאקס.** נא, טאקע איך ב... בין בלינד אויף איין אויג, אונ קרום, אונ אק... אקאפעלע הוקיוואטע, אהה! (ער טהוט עטליכע טריט הונקענדיג)

**קני לעמיל.** אוי וועה טאקע! ווען איך זאל נ... ניט וויסען אז איך ב... בין איך וואלט איך געמיינט אז... ז. ער איז איך!

**מאקס.** יאה דוא ק... קאנסט אבער געהן, אונ ז... זעהן, אונ רעדען גלייך וויא אללע מ... מענשען, דוא האסט זיך נ... נאר פארשטעלט אזוי.

**קני לעמיל.** איך קאן שווערין בייא מיין ט... טאטען, אונ בייא מיין מ... מאמען אז איך בין געבוירען געוואריןב... בלינד, אונ ק... קרום, אונ א ק... קאפעטשקעלע הוקיוואטע.



**מאקס.** ש... שטיל דוא ליגנער, זאלסט מיר תיכף זאגען־פ... פאר וואס האסט זיך פאר ש... שטעלט פאר מיר? אונ וואס האסטו דא צו טהון?

**קני לעמיל.** וואס איך ה... האב דא צו טהון? ר׳ פ... פנחסיל האט דאך מיר געשריבען א ב... בריעף אז איך ז... זאל קומען נעהמען, דיא 1000 רענדליך פאר א וו... ניין, פאר נדן, אונ זיין ב... בתולה פאר א וו... אהה, אט איז אפילו דער ב... בריעף. (נעהמט ארויס פון דער קאפאטע קעשענע א בריעף אונ וויזט איהם)

**מאקס.** (לייענט בודטא איבער דעם בריעף) אצונד זעה איך וו... וואס פאר א שווינדלער ד... דוא ביסט. דער ב... בריעף איז א פאלשער, ב... ביסט נאר געקומען אויס נארין דיא 1000 רענדליך, אונ נ... ניט מעהר, וויא אזוי ק... קאנסטו ווערין א ח... חתן, אז ד... דוא ביסט גאר פאר ליעבט אין ק... קלמן שדכנס מיידיל?

**קני לעמיל.** וו... וואס ליעב? וואס ק... קלמן? ווער מיר ש... שדכן? ווער מיר מיידיל? מ... מע טאהר דען?

**מאקס.** ד... דוא האסט איהר אליין ג... געשוואורין טרייע אונ ליעבע.

**קני לעמיל.** ווער? איך ג... געשוואורין? איך האב מיך נ... נאך אויף מיין לעבין ק... קיינמאהל ניט געשוואורען איך האב מיך נאר איינמאהל ג... געשוואורין איך זאל ניט עסען קיין פ... פאווידלע מיט ברויט, ווייל דער הונט האט עס ב... בייא מיר איינמאהל אויס געחאפט, אונ האט מיר נ... נאך געטהון א ביס, אבער וו... ווייטער האב איך מיך גאר ק... קיינמאהל ניט געשוואורען.

**מאקס.** וו... וואס טויגען מיר דיא פ... פיסטע זאכען, איך נעהם דעם בריעף אונ געה אין דער פ... פאליציע ארייז, אונ וו... וועל ווייזען וואס פאר א ש... שווינדלער דוא ביסט, ביז דוא וועסט ניט ברענגען ת... התימות פון דיין היים, אז דוא ב... ביסט עס. (לאזט זיך געהן)

**קני לעמיל.** (לויפט איהם נאך אונ פאר האלט איהם) ר׳ ק... קני לעמיל, קומט אהער, (מיט א געבעט) וואס טויג אייך דיא פ... פאליציע? אט לויף איך ב... באלד אהיים, אונ וועל ברענגין ש... שווארץ אויף ווייס, נאר איך פרעג אייך איז ד... דאס א יושר פון אייך אז איך ז... זאל אוועק געהן פון דאנען אן א נאהמען?

**מאקס.** (חאפט איהם אן בייא דער קאפאטע אונ זאגט וויא מיט בעזין) ניין, ניין, ד... דוא ביסט א שווינדלער, ק... קום מיט מיר אין דער פאליציע.

**קני לעמיל** (מיט מורא) אוי אוי ר׳ ק... קני לעמילע, איהר זאלט מיר זיין ג... געזונד ש... שלעפט מיך ניט אין דער פ... פאליציע, איך וועל שוין לויפן

אהיים אן אנאהמען, אונ װעל ברענגען ש... שװארץ אויף װייס אז איך בין
ק... ניין ניין, איהר זענט ק... קני לעמיל! — איך בין מב... ניין ניין, אז
איך בין... אז איך בין איך! נאר איך װיל אייך בעטען ר׳ קני לעמיל אז
ב... בין איך װעל צוריק ק... קומען זאלט איהר מיר ניט צו קװעטשען מיין
כ... כלה (ער לאזט זיך ארויס געהן, אונ באטראכט איהם, אונ זאגט פיר
זיך) אפנים אז ער איז טאקע ק... קני לעמיל. (ער געהט אװעק, אונ קעהרט
זיך באלד אום) ר׳ ק... קני לעמיל!

**מאקס.** װ... װאס איז שוין װידער?

**קני לעמיל.** איך האב אייך ג... געװאלט פרעגען אש... שטייגער אז איך װעל געהן אין גאס, אונ איינער װעט צו... מ... מיר שרייען, ר׳ ק... קני לעמיל! ר׳ ק... קני לעמיל! זאל איך מיך אנרופען צו ניין?

**מאקס.** (מיט א בייזער) גיין, ט... טאהרסט זיך ניט אנרופען, װייל דוא ביסט ניט ק... קני לעמיל! אונ לויף ש... שוין אהיים!

**קני לעמיל.** (אבגעהענד) איז ער ט... טאקע קני לעמיל, אונ איך בין...: איך (ער געהט אװעק רעכטס)

**מאקס.** נא קני לעמלין האב איך שוין עקספעדירט, בייא איהם היים איך שוין קני לעמיל. נאר ביז ער װעט צוריק קומען מוז איך זעהן אז קאראלינע זאל בלייבען מיינע, יעצט מוז איך מאכען דיא לעצטע פראבע. קאראלינע האט מיר געזאגט אז איהר פאטער איז פאר גלייבט אין דעם קני לעמלין אז ער איז א ל׳ניק. ער קאן באװייזען מופתים, ער קאן פארשװינדען װערין, שאפען זיך מיט מיט מלאכים, באשװערין מתים לאז זשע מיר יעצט דאס דינען צו מיין פלאן איך מוז איהם װייזען װיא מע רעדט מיט געשטארבענע. דאס װעט איהם גענוים איבערראשען. (אין דעם מאמענט הערט מען װיא איינער קומט אן לינקס, ער קוקט זיך אום אונ דער זעהט דורכ׳ן פענצטער אז דאס איז פנחסיל, זעצט ער זיך אנידער לעבין טיש אונ קוקט אריין אין אספר װעלכעס ליגט אויפ׳ן טיש, אונ הייבט זיך אן צו שאקלען מיט פרימע הויות אונ צו לערנען מיט אגמרא ניגון, אונ גיט אללע מאהל א געשרייא אוים הא הא הא!)

## זיעבעטע סצענע

**פנחס.** (קומט אריין װיא מיט מורא, אונ שטעלט זיך אוועק איהם פון הינטער װייטענס אונ זאגט פיר זיך) א, א! ער איז פאר טיעפט אין זיינע חכמות! ער איז פאר טיעפט אין דיא סודות. אך דאס כח זיין א טהייערער קאפ.



א געשליפענער מוח, מע טאהר איהם ניט איבער שטערען.

**מאקס.** (װיא מיט התלהבות גיט א געשרייא אוים) הא, הא הא!

**פנחס.** (ערשרעקט זיך) װעה איז מיר!

**מאקס.** (חאפט זיך װילד אויף אונ הייבט אויף דעם קאפ ארויף, אונ טענה׳ט װיא צום הימעל) הא? — װאס? — נא נא, ! — ניין? — װאס ניין?...

**פנחס.** איי איי דאס איז א ל׳ניק א צדיק, ער רעדט מיט עמיצען אונ איך פראסטער מענש האב קיין זכיה ניט איהם צו זעהן;

**מאקס.** (מאכט זיך װיא ער הערט גאר ניט, אונ טענה׳ט װייטער) ניין! — איהר מוזט מיר צו ליעב טהון אצונד, דיא הייליגע נשמה פון מיין עלטער זיידען ר׳ קלומינים װאס איז געװעהן א בעל מופת. אונ איהר נשמות פון מיין גאנצער הייליגער משפחה, איהר אליין האט מיר געבראכט א ידיעה פונעם הימעל אז ר׳ פנחסילס טאכטער איז מיין זיװוג איצט פרעג איך אייך, ענטפערט מיר! מעג איך טהון דעם שידוך? װעל איך גליקליך לעבין מיט זיין טאכטער? הא? — יאה? — װאס שװייגט איהר? — װאס ענטפערט איהר ניט? הא? איהר װילט מיט מיר ריידען אז קיינער זאל אין שטוב ניט זיין? — יאה? — ס׳איז דען דא א פרעמדער מענש אין שטוב? װיא (ער קעהרט זיך פאװאליע אום אונ זוכט בודטא איבער דער גאנצער שטוב ביז ענדליך ער געפינט פנחסלין אנגעבויגען צו דער ערד אונ ציטערט פאר מורא. ער זאגט צו איהם מיט אפרימער - פריינדליכער מינע) א ר׳ פנחסיל, איהר מוזט מיר מוחל זיין שװער לעבין, איהר מוזט ארויס געהן פון דאנען אונ מיך לאזען דא אליין װייל דיא כשר׳ע נשמות װיללען מיט מיר ניט רעדין אז ס׳איז דא א פרעמדער מענש אין שטוב.

**פנחס.** (װואשט זיך דיא הענט) אי נא אה מפסיק? (ער װייזט מיט דער האנד אויפ׳ן מויל)

**מאקס.** איהר מעגט, איהר מעגט אוים רעדין.

**פנחס.** מיילא איך זעה דאך שוין ארוים אז איהר זענט ניט פון אונזערע זינדיגע מענשין. װיא קומט עס אבער װיל איך אייך פרעגין. װאס איהר זענט גאר אין גאנצען איבער געענדערט געװארין? איהר זעהט, אונ געהט, אונ רעדט, גלייך װיא אללע מענשין.

**מאקס.** (מיט שטאלץ) װאס קאנען מיר דען חכמים ניט באװייזין? װאס זענען מיר דען ניט אומשטאנד צו טהון? דאס זענען אונזערע סודות. מיר װיללען װיא גיט באװייזען. מיר קאנען זיך פאר ענדערין אונזער געשטאלט װען מע דארף מיר קאנען זיך שאפען מיט מתים, טאנצין מיט מלאכים. מיר קאנען רעדען מיט אין איזיל. גלייך װיא מיט א מענשען. גאר װען מע דארף. אי איהר

ווילט מיך ניט פאר קיין אידים .

פנחס. (שלאגט איהם איבער) חלילה , ווער וויל אייך ניט ? אזא תנא וויא איהר זענט וועל איך נאך ניט וועלין ?

מאקס. טאטער ווילט איהר ניט ? מעגט איהר זאגען , פליה איך באלד אהיים ! (ער גיט בודטא א שפרינג צו דער טהיר אונ וויל ארויס געהן , פנחס חאפט איהם אן פון אונטען בייא דער קאפאטע אונ פאר האלט איהם)

פנחס. אזי ווען פליהט ניט ? חלילה , ווער וויל אייך ניט . מיין גאנץ וועלין איז דאך טאקע נאר אייך , ווער שמיעסט אז איהר זעהט . אונ געהט , אונ רעדט גלייך וויא אלע מענשען , וועט דאך אייך מיין פלוניתטע אונ מיין טאכטעריל אוודאי אויך וועלין , פאר וואס זשע ווילט איהר אוועק פליהען (צו זיך) אנים וואס איך האב איהם צו געהאלטין , אניט וואלט ער שוין איצט געוועהן איבער געפלויגען איבער אללע בערג .

מאקס. נא גיט זשע מיר דיא האנד אז אייער טאכטער בלייבט מיינע .

פנחס. אך . אפילו ביידע הענט (שטרעקט איהם אויס דיא האנדט)

מאקס. ניין מיר חכמים געהמען ניט אזוי קיין הענדט , איך מוז פריהער ארויס רופען אלע נשמות פון מיין היילינגער משפחה , זייא זאלען עדות זיין אז איהר וועט האלטין ווארט , ווארין זייא האבען מיר געבראכט דיא ידועה פונעם הימעל , זייא אלע האבען עס געוואלט , מוזען זייא יעצט דער בייא זיין .

פנחס. איך בין דער צו אויך מוסכם . נאר איך האב מורא עס זאל מיר קיין מכשול ניט געשעהן , ווארין באמת טאקע האב איך געהערט אז עס רעדין מתים . נאר מיט מיינע אויערן אליין האב איך עס ניט געהערט אונ האב עס אין מיין לעבין אויך ניט געזעהן .

מאקס. אז איהר שטעהט מיט מיר האט איהר ניט וואס מורא צו האבען איהר האלט נאר גיט דיא האנד , אונ זאלט כסדר שווייגין , (ער נעהמט בייא איהם דיא האנדט אונ רעדט ארויף) שווייב אראפ גיך דיא נשמה פון מיין עלטער זיידען ר׳ קלומינים , אונ איהר נשמות פון מיין גאנצער היילינגער משפחה , גיך אללע ערשיינט ! (עס הערט זיך א דאנגער , באלד אויף דעם גיט א שיין א בליטץ , אונ אין דער טיעף פון דער ארקע זעהט מען ערשיינען אין אלטען אונ ווייסע תכריכים , אונ רעדט מיט א טויט פאר דומפפען קול . פנחס ווערט ערשראקען אונ פאלט אריין אין זעסיל וועלכעס שטעהט נעבין טיש , אונ פאר דעקט זיך דאס פנים מיט זיין חאלאט , אונ ציטערט)

טויטער. עס איז אויס גערופען געווארין —
אין אללע טויערין



אז ר׳ פנחסילס טאכטער —
איז צו דיר געבוירין .
דיא איז דיין זיווג , מיר זענען עדות
דיא גאנצע משפחה , באבעס אונ זיידעס ,

(עס גיט ווידער א בליץ , אונ עס ערשיינען נאך פיעל טויטע)

כאר פון טויטע. וואס זשע ווילסטו ? וואס זשע ווילסטו ?
וואס זשע ווילסטו ליעבער ?
וואס זשע וועקסטו , וואס זשע וועקסטו ?
פון דיא שטיללע גריבער
אין דיא טליתים , שעמט אייך ניט וויא ארים
שטעהט אויף איהר מתים , פון דיא נאסע קברים

ביטס

מיר זענען אללע מז״ט
געקומען אללע מז״ט
חתן כלה , מז״ט
דיר ווינשען אלע , מז״ט ,
חתן כלה , מז״ט .

(וועהרענד זייא זינגען , קוקט זיך פנחס אללע מאל אום , ער ווערט דער שראקען אונ האפט זיך בייא דיא ציצית , באלד אינעם ספר , ביז ענדליך זייא ענדיגען דאס געזאנג , דאן ווערט דיא ביהנע בעלייכטעט מיט עלעקטעריש פייער , אונ דער פארהאנג פאלט לאנגזאם אראפ)

---

# פערטער אקט

## ערשטע סצענע

### יעקסטעס בילד

(שטעלט פאר ר׳ פנחסילס ציממער, ארום א טיש איף וועלכע עס ברענען ליכט, זיצט מאקס, נאך אלין פאר קליידעט ווי א קני לעמיל, נעבין איהם קאראלינע, און נאך זייא ר׳ פנחסיל, זיין ווייב רבקה, א חזן וועלכער שרייבט תנאים, און נאך קרובים פרויען און מענער אללע זינגען)

| | | |
|---|---|---|
| אללע. | מע שמעהט, מע שמייעהט, מע טהוט גאר נים<br>איף וועהמען האבען מיר צו ווארטען דא<br>נא גיכט, מע וואַרט, מע וואַרט, מע טהוט גאר נים<br>נא לאז שוין זיין אין אגוטער שעה, | בי |

מאקס. איך קאן נים טהון אן מיין פאמיערס וועגן
ער וועט געווים קומען וואַרט נאר איין וועהניג
דערוויל דאס ווארט מאכען, דער מחותן דארף איינגלענין
העלפט גדן יעצט, דאס איז א מנהג,

עולם. יאה ס׳איז א מנהג
יאה, ס׳איז א מנהג.





בייא אונז יודען אזוי דארף זיין.
פאר אללע זאכען
דאס ווארט צו מאכען
העלפט גדן לענט דער מחותן דא איין,

| | |
|---|---|
| פנחס. שנאייענט מיט רבקה. | רבותים איך זאג איך יעצט פאר אללע<br>מיין ווארט.— דעם גדן לעג איך דא איין.<br>דעם חתן גיב איך מיין טאכטער די כ״ח,<br>אין אגוטער שעה זאל זיין. |

עולם. גא עפען גיך דיין מיילעכין
זאג זשע יאה כלה און האפ נים צוריק
מז״ט דיר אונזער כלהלכין
מיר ווינשען איך אללע גליק,

עולם. (ווענדין זיך צו דער חתן כלה און צו דיא מחותנים, און שרייען)
מז״ט, מז״ט !

פנחס. מיט מזל זאלט איהר לעבין. רבותים קומט אריין אין אנדערין חדר. דארטין וועגען געדעקט דיא טישען. און דארטין וועלין מיר זיך משמח זיין (צום משרת) אנשיל טראג אריין אהין אט דיא טישין מיט דיא בענקליך אויך. מאמער וועט זיין דארטין וועהניג. (משרת טראגט עס ארויס. דער עולם צעהן אללע ארויס לינקס אין צ טען ציממער. איף עס לעצט לאזט זיך אויך ארויס נעהן ר׳ פנחסיל)

## צווייטע סצענע

(לעב קומט אן קני לעמיל, און ווייא ער דער זעהט או פנחסיל לאזט זיך אריין געהן אין צווייטען ציממער לויפט ער צו צו איהם און גיט איהם א האפ פון אהטען פנחס קוקט זיך אום און ערשרעקט זיך)

**קני לעמיל.** אהא! אצונד וועלן מיר זעהן צו בין איך א שקרן. צו ניין, אט האב איך ג... געבראכט פון מיין שטאדט ת... תתימות זיים אויף שווארץ. אז איך בין קני לעמיל.

**פנחס.** (פאר ווינדערט) ווער זענט איהר? וואס איז דאס פאר א העזה צו קומען צו מיר אין שטוב אריין, אונ נאכקרימען מיין חתן מיטן לשון, אונ חוזק מאכען, הא?

**קני לעמיל.** ת... חוזק מאכען? אט האב איך דאך ח... זיים אויף שווארץ! אט דאס הייסט ת... חוזק בייא איך?

**פנחס.** זאגט מיר גיך וואס ווילט איהר? וואס פאר ארוח האט אייך אהער געבראכט איהר זאלט מיר פאר שטערען מיין שמחה?

**קני לעמיל.** גאט זעהט ח... וואס פאר ארוח, (ער ווייזט איהם אפאפיער)

**פנחס.** וואס איז דאס פאר א פאפיר? איהר האט געמוזט פארבלאנזעט ווערן אהער. ווער זענט איהר?

**קני לעמיל.** ח... וואס איהר קאנט מיך שוין ג״ר ניט? איהר האט ד... דאך מיר אליין געשריבען אז איך זאל ק.. קומען נעהמען דיא 1000 רענדליך גדן, אונ אייער טאכטער פ... פאר א ווייב, אונ אט בין איך דא.

**פנחס.** ואס מיין טאכטער? ווער מיר טאכטער? עפעס רעדט ער נאר פונעם זינג.

**קני לעמיל.** ניין, איך ק... קום ערשט פונעם זועג! רופט אריין אייער טאכטער וועט זיא אליין אייך ז... זאגען וויא אזוי זיא האט מיך ליעב, איך שעהם מיך עס אייך אפ... פילו פאר מיין מויל צו ברענגען. זאל איך אים זאגען? — יאה, אט זאג איך אייך אים. ז... זיא אליין האט מיר געוואונט גיבען א ק... קוש! (ער לאכט שעהמיווידיג)

**פנחס.** (בעז) וואס פלודערט ער?

**קני לעמיל.** יאה, יאה, רופט דיא אריין, ח... וועט זיא אייך אליין ז... זאגען אז דיא אויגען דאס אייגענע. ער געהט צו צו דער טהיר אונ שרייט אריין, קראנאלינע, קראנאלינע. ק... קום אהער. איך וועל שוין ניט אנטלויפען.

**פנחס.** (רייסט איהם אוועק פון דער טהיר) וואס פאר א קראנאלינא? מיין טאכטער הייסט גיט אזוי, זיא הייסט גאר הדהלע!



**קני לעמיל.** לאז זיין תיה, פיע, ש... שמעיה, אבי א מיידיל, מיר איז אלץ איינס.

**פנחס.** אייך איז אלץ איינס, מיר איז אבער ניט אלץ איינס. מיין טאכטער אוועק צו גיבען פאר אקאליקע, אונ נאך אשווינדלער דער צו. שא! איהר זאגט אז איך האב אייך א בריעף געשריבען, אנא ווייזט מיר נאר דעם בריעף.

**קני לעמיל.** אט וועל איך איהם אייך ב... באלד ווייזען. (ער זוכט דעם בריעף אין אללע קעשעניעס אונ געפינט א הם ניט. בלייבט ער שטעהן איניגע סעקונדען פאר טראכט, דער נאך גיט ער מיט אמאהל אויס) א! איך האב מיך ש... שוין דער מאנט, דער בריעף איז בייא יענעם ק... קני לעמיל. יאה, יאה!

**פנחס.** וואס פאר א יענער קני לעמיל? וואס ווילט איהר? (בעז) מפוא! עפעס א משוגענער, איך האב גאר ניט מיט וועהמען צו מענהן! (ער געהט אוועק לינקס אין צווייטען צימער, קני לעמיל בלייבט שטעהן אליין פאר ווירט, ער קוקט זיך ארום אין אללע זייטען, נאכדעם באטראכט ער זיך אליין אין גאנצען אונ זאגט צו זיך)

**קני לעמיל.** וועה איז מיר! עפעס דיא גאנצע וועלט האט זיך גענומען אויף מיר, איך ב... בין שוין מאקע הולל, איך זיים שוין אליין ניט צו בין איך ק... קני לעמיל צו ניין? (פויזע) יענער שרייט אז ער איז ק... קני לעמיל, אונ איך שרייא אז איך בין עס. (מיט א גמרא ניגון) נא אז איך ב... בין עס יאה, וואס זשע רופט מיך מיין ב.: כלה גאר מכות? זאל איך זאגען אז איך ב... בין געוועהן אין דער היים האב איך מאקע געהייסען ק.: קני לעמיל, נאר איך בין ג... געשטארבען. אונ בין מגולגל געווארען אין דיא מ.. מכות? יאה? פאר וואס זשע גוה איך ניט אין ת... תכריכים? בין איך דאך מאקע אט אפנים ניט געשטארבען. אט היים מאקע ק.. קני לעמיל ווארום א סימן האב איך אז מען האט מ... מיך ערשט יענע וואך אויף גערופען צו דער תורה האט מ.: מען גענעבען א ג... געשרייא יעמוד ר ק... קני לעמיל! יאה, פאר וואס זשע קול מיר דער מ... מחותן, ניט ג... גלייבען אז איך בין עס, אונ פאר וואס רופט מיך מיין ב... כלה גאר מכות? יאה! — הערטשע!

ווייל איך חיים מאקע מכות. ב... בין איך מאקע אפנים דיא מ...
מכות.

## דריטע סצענע

(קלמן שרכן קומט אן רעכטס, אונ וויא ער זעהט קני לעמלין
האפט ער איהם אן)

קלמן. אהא! ער איז דא דער פייגער מענש? האפט גיט! שלום עליכם ר' קני
לעמיל! (גיט איהם דיא האנד).

קני לעמיל. אזוי? היים איך מאקע ווידער קני לעמיל? ג... געלויבט ... ספש
גאטט וואס דוא האסט מיר ווידער צו געשיקט מיין היילינגן נאהמען קני
ל... לעמיל!

קלמן. יאה. עס איז אבער זעהר גיט שעהן פון אייך. האפט גיט! וואס איהר
האט אייך ארויס געהאפט פון מיין שטוב אן מיין וויסען. האפט גיט!

## פערטע סצענע

(פנחס קומט אן פון לינקס, קלמן ווענדעט זיך צו איהם)

קלמן. אהא ר' פנחסיל. אונ פון אייך איז עס אויך גיט שעהן. איהר האט אויס
גענארט דעם חתן. אונ האט אפ געמאכט תנאים אן מיין וויסען. אן מיין
שדכנות געלד...

פנחס. פאר אייער שדכנות געלד...

קלמן. האפט גיט, האב איך גיט וואס מורא צו האבען.

פנחס. רבש"ע. לאזט מיך אויך אמאהל רעדין. האפט גיט אונ [illegible] את
אליין האפט איהר אויס אין גאנצען. לאזט מיך אויך אמאהל [illegible]
זאגט מיר נאר ר' קלמן. איהר האלט דעם יונגען מאנן פאר מיין חתן
קאנט איהר גוט דעם יונגען מאנן? ווייסט איהר גוט אז דער יונגער מאן
איז קני לעמיל ר' שלום-אניאס זוהן דער פרנס חודש פון שאטריינעוקע?

קלמן. סטייטש וויא אזוי זאל איך איהם גיט קאנען. אז ער איז אליין געוועהן ביי
מיר אין שטוב. אונ איהר אליין האט דאך מיר געהייסען צו איהם אבריי
שרייבען. אז ער זאל קודם. האפט גיט. צו מיר פאר פאהרין. אונ איהר



זאלט איהם ביא מיר מקבל פנים זיין האפט גיט. דער פאר בין איך געקומען
איצונד איהם מכבד זיין פאר וואס ער האט זיך ארויס געהאפט פון מיין שטוב
אן מיין וויסען.

קני לעמיל. (פאר ווינדערט) וו... וואס איז דאס פאר א מין אן ש... שיקענעש
אויף מיין קאפ? דער זאגט נאר אז איך ב... בין געוועהן ביא איהם אין שטוב
הערט זשע ר' פ... פנחסיל, זאל מיר דער אנדערער פיס צו בראכען ווערין.
אויב איך ק... קאן איהם אפילו.

קלמן. האפט גיט, אויב אזוי וועט איהר דאך מאקע א שווינדלער, אז איהר
לייקענט עס מיר אפ אין דיא אויגען.

פנחס. נא איצונד זעהט איהר שוין וואס פאר א שקרן איה, וועט? איהר האט
נאר געוואלט אויס נארין ביא מיר דעם גדן. אונ מעהר גיט! (צו קלמנין)
הערט איהר ר' קלמן. באלד נאך דעם וויא איהר וועט דעמאלט פון מיר
אוועק געגאנגען, האב איך אליין אוועק געשריבען א בריעף צום מחותן
אז זיין זוהן קני לעמיל זאל קומען גלייך צו מיר אונ ער איז מאקע
געקומען...

קני לעמיל. יאה, יאה עס איז מאקע א... אמת!..

פנחס. (מיט א בעזיר) שווייג דוא שקרן! (צו קלמנין) תחילת האב איך מיך
אפילו זעהר שטארק דער שראקען אז איך האב דער זעהן וואס פאר
א קאליקע ער איז. נאר דער נאך אז ער האט מיר באוויזען אז ער קען
אזוי גוט גמרא, אונ איז נאך איינער פון דיא לאדניקעס איז מיר שוין קיין
וווּנדער גיט געוועהן וואס מיין טאכטעריל האט זיך אין איהם אזוי פאר
ליעבט.

קני לעמיל. אז אייער טאכטעריל האט מיך ל... ליעב. דאס ווייס איך, נאר
צו איך קאן גמרא דאס חיים איך גיט! שאט. שאט! אט געהט זיא מ...
מאקע אליין.

## פינפטע סצענע

(קאראלינע קומט אריין אונ ראכט עפעס איין דעם פאטער אין אויער)

קני לעמיל. מאקע גוט. אט וו... וועל איך זיא באלד פרעגין. ק... קאראלינע.
ווייז דעם טאטין וויא אזוי דוא האסט מ... מיך ליעב. איאה דוא האסט
מ... מיר געוואלט גיבען א קוש?

**קאראלינע.** (בעז) אונפארשעהמטער! וואס איז דאס פאר א שפראכע? ווער זענט איהר? (געהט אוועק צוריק)

**קני לעמיל.** וו... ווער איך בין? זיא אליין האט מיר פריהער געשריגען אייזע מ... מכות׳!

**פנחס.** וויא אזוי הייסט איהר פרעגט מען אייך?

**קני לעמיל.** איך הייס מכ... ניין, איך הייס.... זאל איך שוין אזוי וויסען פון בעז וויא איך ווייס וויא אזוי איך הייס?

## זעקסטע סצענע

(ליבע קומט אריין רעכטס, און וויא זיא דער זעהט קני לעמלין לויפט זיא צוא צון איהם חאפט איהם אן)

**ליבע.** הא הא! ביסט דא דוא ליגנער! איך האב דיך דער טאפט!

**קלמן.** וואס מהוסטו דא ליבעלע? חאפ ניט!

**ליבע.** איך בין מיך געקומען אפ רעכענען מיט דעם ליגנער.

**קני לעמיל.** ווע איז מיר! וו... וואס איז דאס פאר א מ... מין אנשיקעניש אויף מיין קאפ? וואס וו... וויל זיא?

**ליבע.** וואס איך וויל? זאג נאר וואס האסטו מיך געהאט אפ צו נאהרין?

**קני לעמיל.** וו... וואס זאגט איהר צון איהר? ז... זיא איז שוין גאר מיט מיר איין קנעפיל! זיא ז... זאגט מיר שוין „דוא״ זאג נאר. דוא קאנסט מיך דען וואס דוא ז... זאגסט מיר „דוא״?

**ליבע.** צו איך קאן דיך? יאה איך קאן דיך גאנץ גוט.

**קני לעמיל.** אז דוא קאנסט מיך יאה, ז... זייא זשע מיין עדות אז איך הייס ק... קני לעמיל!

**ליבע.** יאה איך וועל באלד באווייזען ווער דוא ביסט. דוא ביסט געקומען צון אונז אין שטוב אריין מיך אפ צו נאהרין, דוא האסט געזאגט אז דוא האסט מיך ליעב. און דורך דעם האב איך דיך אויך ליעב באקומען און פלוצים ביסטו אנטלאפען, ניין, איצט לאז איך דיך שוין ניט אפ.

**קני לעמיל.** (מיט אשמייכיל) איך האב מיר ק... קיינמאהל גאר ניט געוואלט גלויבען אז אלע מיידליך זאלען מיך אזוי ל... ליעב האבען, יענע האט מיך געוואלט ק... קושען, אצונד רייסט זיא פון מ... מיר דיא הויט אראפ, זיא לאזט מיך שוין ג... גאר ניט אב.



**ליבע.** איך לאז דיך טאקע ניט אפ, טוט האלטען דיין ווארט וואס דוא האסט מיר צו געזאגט.

**קני לעמיל.** וואס פאר אווארט?

**ליבע.** ביסטו דען אליין ניט געשטאנען פאר מיר אויף דיא קניעס;

**קני לעמיל.** אויף דיא ק... קניעס? וויא א שגץ, סע מאהר דען?

**ליבע.** געדענקסט וויא דוא האסט מיר אפילו געזונגען קו קו!

**קני לעמיל.** ס... מיר איז שוין אזוי ב... באשערט, אז וויא א מיידיל שפילט זיך מיט מיר אין קו קו.

**ליבע.** (צו פנחסלין, וועלכער האט דיא גאנצע צייט נעטעניט שטום מיט קלמן און האט איהם אלץ געוויזען מיט דיא הענט וויא אזוי דער חתן זיינער האט געוואלט אוועק פליהען, און וויא אזוי ער האט איהם געוויזען מתים, און נאך זאכען,) הערט איהר ר׳ פנחסיל, איהר זאלט וויסען אז דאס איז ניט קני לעמיל, ער וויל אייך נאר אפ נאהרין אזוי וויא ער האט מיך אפ גענארט ווארין אז ער איז געוועהן מיט מיר אליין איז ער געווען גאר אן אנדערער מענש, ער האט געזעהן גלייך, געגאנגען, גערעדט גלייך וויא אללע מענשען.

**קני לעמיל.** דעם נס וואלט איך אויך ג... געוואלט אמאהל זעהן.

**ליבע.** אפילו דיא בארד האט ער זיך אויך אומיסטען אנגעטהון כדי איהר זאלט מיינען אז דאס איז קני לעמיל, און זאל אים נאהרין ביי אייך דיא 5000 רענדליך נדן, אסימן האט איהר אז איך וועל זיא איהם באלד אראפ רייסען (לויפט צו צון איהם מיט א געשרייא אהער גיב דיא בארד! (קני לעמיל רייסט זיך אוים און לויפט פון איהר אוועק)

**קלמן.** שאט, שאט חאפט ניט! אט געהט טאקע ר׳ שלום׳אניא אליין!

## זיבעטע סצענע

(שלום׳אניא קומט אריין, וויא גיבען אללע שלום)

**קני לעמיל.** טאטע, טאטע! ט... טאקע גוט וואס דוא ביסט ג... געקומען זיי מיין עדות אז איך בין דיין זוהן ק... קני לעמיל.

**שלום.** ווער האט עס דיר דען אפ געלייקענט?

**קני לעמיל.** ק... קיינער ניט, נאר אללע.

**פנחס.** (צו שלום׳אניא) וואס זשע, איז דאס טאקע אייער זוהן? ר׳ שלום.

**שלום.** נײן דאס איז מײנער א שטיעף זוהן.

**קני לעמיל.** יאה יאה, איך ב... בין זײן אײגענער שטיעף זוהן.

**פנחס.** אזוי? ווער זשע איז יענער?

**קני לעמיל.** זײא מײנען יענעם ק... קני לעמלין.

**שלום.** (נאכדענקענד) הא הא! מוז מאקע אפנים זײן אמת וואס מאקס האט איר דערצעהלט (צו פנחסין) פאר שטעהט איהר מיך ר׳ פנחס. דער איז מײן שטיעף זוהן, און יענער איז מײן ברודערס זוהן דעם דאקטאר׳ס.

**פנחס.** (וויא אום צו פרידען) וואס אײער ברודער איז גאר א דאקטאר? (ער פאר קרימט זיך)

**שלום.** הערט אוים ר׳ פנחסיל, עס איז שוין צייט איהר זאלט אייך עפענען די אויגען, איהר זאלט מיר מוחל זײן וואס איך זאג עס אייך, ווייל איהר זענט איין עלטעריר מענש, נא בארעכענט אלליין וואס איהר האט געוואלט אומגליקליך מאכען אײער אײגען קינד צו ליעב וואס? צו ליעב יחוס! איך קאן קיין עוולות ניט לײדען, ער איז דאך מיר ניט פרעמד, נאר פון דעסט וועגען פרעג איך אייך, וויא קאן א טאטע האבען דאס הארץ און פאר קויפען זײן אײגען קינד פאר אקאליקע, אז ס׳איז אייך גאר קיין נויט ניט, איהר זענט רייך, א שעהנער בעל הבית, א חשוב אין שטאדט, וואס איז? איהר האט געוואלט יחוס! מײנט ניט ר׳ פנחסיל אז איך בין אזא חסיד וויא איהר האלט מיך, ניט אײנמאהל האב איך מקנא געווען מײן ברודער, וואס ער איז געקומען צו אזא מדריגה, און האט געמאכט לייט פון זײן קינד, מיר מוזען שוין שפיעלען די אלטע ראללע, ווייל מיר זענען מענשען פון דער אלטער וועלט, נאר מיט די געדאנקען דארפען מיר ניט זײן פאר נארישט, איך זאג אייך ר׳ פנחסיל. אז איהר מעגט אייך גליקליך שעצען, און פאר א כבוד האלטען וואס איהר האט מײן ברודערס זוהן פאר אײן אײדים, פרום איז ער אפשר אקוראט וויא מיר, און דער צו איז ער נאך געבילדעט, דאס הייסט אי צו גאט, אי צו לייט, פאלגט מיך ר׳ פנחסיל, און טראכט ניט קיין סך, און זאגט נאר דאס אײנע ווארט „יאה״ און לאז זײן מיט גליק.

**רבקה.** (וועלכע קומט אן אויף די רעדעס) א יאה מײן מאן וואס איך זאג, זאגט די גאנצע וועלט!

**פנחס.** „יאה״ האב איך שוין לאנג געזאגט, איך האב שוין אפילו דאס ווארט געמאכט און העלפט נדן אויך אײנגעלעגט, און איהם די האנד געגעבען פאר אללע משפחות פון אײער גאנצע משפחה! — יאה אויב אזוי זאגט



זשע מיר איך בעט אייך ווער זענען עס געוועהן די אללע מתים וואס ער האט מיר געוויזען?

**שלום.** נא זעהט איהר ר׳ פנחסיל וויא די יונגע לייט זענען קלוגער פון אונז, ווער ווייסט וואס ער האט שוין מיט זײן שארף מוחל אויף געטראכט, עס אט אם געהן זײא מאקע, וועלען מיר זײא פרעגען — קומט ארײן, קומט ארײן קינדער, איצט הייסט איהר שוין ניט וואס מורא צו האבען.

## אכטע סצענע

(מאקס געקליידעט גאנץ גאלאנט מיט א הויכען הוט אויפן קאפ, קומט אריין מיט קאראלינען געארעכט)

**פנחס.** (באטראכט איהם פריהער, גלייך וויא ער דערקאנט איהם ניט נאך רעט זאגט ער צו רבקהן) דאס איז דאך מאקסיל, וואס איז געווען פריהער איהר לעריר! (צו מאקסין) אזוי האסטו מיר אפ געטהון? נא, זעהסטו אז דוא האסט מיך געקאנט אזוי ארום פיהרען ביי דער נאז ביסטו מאקע דער חכם, און איך בין דער נאר.

**קני לעמיל.** און איך בין ק... קני לעמיל.

**פנחס.** מילא ס׳איז דאך פארפאלען, נאר דער צעהל מיר חאטש ווער זענען עס געוועהן די מתים וואס דוא האסט מיר געוויזען?

**מאקס.** עס איז גאנץ נאטירליך, איך וועל עס אייך באלד ווײזען.

**קני לעמיל.** אזוי דאס ב... ביסטו עס? אבער ווער איז מאקע ק... קני לעמיל? איך! ע ע ע!

**ליבע.** (צו מאקסין) אזוי דאס זענט איהר דער פיינער מענש וואס האט מיך געמאכט צום נאר?

**מאקס.** אמת, איך לייקען עס ניט, איך האב מיר טאקע ערלויבט מיט אייך א שפאס צו מאכען וועלכעס האט מיר גענוצט צו מײן פלאן, אבער אין דער ווארהייט האב איך אייך ניט אפ גענארט, איך האב געהערט דעמאלט אין אײער רעדען אז איהר האט מורא געהאט איהר זאלט ניט פאר זיצען א מויד, האב איך אייך צו געזאגט אז איהר וועט ניט פאר זיצען און איהר וועט חתונה האבען, נאר דער פאר וואס איך האב מיר ערלויבט מיט אייך א שפאס צו מאכען, שענק איך אייך דער פאר העלפט פון מײן נדן.

**קלמן.** קלאט צו ליבעלע, ס'איז אגעשעפט. חאפ ניט! אזא נס בריעפט זיך ניט אללע טאג;

**מאקס.** נאר מיט דעם תנאי איהר זאלט נעהמען דעם יונגען מאן פאר א חתן. (ער ווייזט אויף קני לעמלין) נא אונ איהר ר' קני לעמיל, איהר וועט נעהמען דאס מיידיל? ביי אייך איז דאך אלץ איינס. חיה פייע, שמעיה, אבי א מיידיל.

**קני לעמיל.** (באטראכט ליבען פריהער שעמעוודיג. נאך דעם זאגט ער מיט אשמייכיל) טא, פון מיינעט וועגין!.. לאס איך ת.. חאטש ניט האבען אומזיסט ג... געפאהרין אהער!

**קלמן.** חאפט זשע ניט! לאז גאט גיבען ס'זאל זיין אין א גוטער שעה!

**אללע.** (שרייען) מז"ט, מז"ט!

**מאקס.** איצט וועל איך אייך זאגען ווער דיא מתים זענען געוועהן, דאס זענען געוועהן מיינע קאמראדען, געטהון האב איך עס עבען דארום. וויל איך האב געהערט אז איהר זענט געוועהן פאר גלויבט אין דעם קני לעמיל אז ער איז א ליזניק, ער קאן טאנצין מיט מלאכים, רעדען מיט מתים (אללע לאכען) האב איך גענומען מיינע קאמראדען, אונ האב זייא פאר קליידעט פאר מתים, אונ האב זייא געשטעלט ביי אייך אונטער דיא פענצטער, כדי איהר זאלט אייך דער שרעקן — אויב איהר ווילט זייא זעהן קומט מיט מיר וועל איך זייא אייך ווייזען, זייא זענען יעצט ביי אייך אין גארטין.

**אללע.** (לאכין) קומט, קומט, לאמיר געהן זעהן מתים, לעבעדיגע מתים! (אללע געהן אוועק לינקס)

**קני לעמיל.** (ביים אוועק געהן זאגט מיט א שמחה) אבער ק... קני ל.. מ'ת בין איך מאקע! (ער געהט אב)

---

### זיבעטעס בילד

---

### נײנטע סצענע

(שטעלט פאר ר' פנחסילס גארטען, אללע קומען זיך צונאייף אהין שטעלין זיך אויס פון ביידע זייטען גארטען, מוזיק פאנגט אן צו שפיעלען, פון אונטער דיא ביימער, אין דער מיטע גארטען קומען ארויס סטודענטין פאר קליידעט פאר מתים, זייא זינגען דאס



פריהער'גע פנחס מאכט מימיק גלייך וויא ער וויל צו געהן זייא באטראכטין נאר ער שרעקט זיך אונ געהט צוריק, קני לעמיל אויך דאס זעלבע)

**סטודענטין.** וואס זשע ווילסטו? וואס זשע ווילסטו?
וואס זשע ווילסטו ליעבער?
וואס זשע וועקסטו, וואס זשע וועקסטו?
פון דיא שטיללע גריבער
אין דיא טליתים,
שטעהט איך ניט וויא ארים
שטעהט אויף איהר מתים,
פון דיא נאסע קברים

(זייא ווארפין פון זיך אראפ דיא ווייסע מתים קליידער, אונ בלייבען שטעהן אין סטודענטסקע קליידער)

**אללע.** (צו לאכען זיך) אה שעהנע מתים!

**קני לעמיל.** אוי ווער, זעהט נאר מתים'דיגע דייטשען!

**סטודענטין** (זינגען)
מיר ווינשען אלע, מז"ט,
חתן כלה, מז"ט.
מיר זענען אללע מז"ט
חתן כלה, מז"ט

---

### צעהנטע סצענע

(חסידים לויפען אריין פון לינקס, לויפען צו צו ר' פנחסלין מיט דיא איבריגע, אונ זינגען)

**חסידים.** מז"ט, מז"ט, אין א גוטער שעה,
צום קנס מאהל,

אויף איינמאהל,
זעגען מיר אללע דא.

(סטודענטען לויפען צו און טרייבען זיא ארויס)

| | | |
|---|---|---|
| בסם | אוועקט, אוועקט, אוועקט, אוועקט!<br>איהר אללע מיאוסע לייט<br>מע זאל אייך שוין מעהר ניט אן קוקען<br>איז שוין דיא העכסטע צייט! | ביסם |

(חסידים קומען ווידער אריין, לויפען צו צו ר' פנחסלין)

חסידים. וואס איז דאס ר' פנחסיל? דיימשען אפיקורסים ווארפען אונז כשר'ע יודען ארויס פון אייער שטוב און איהר קוקט עס צו און שווייגט? וואס הייסט דאס?

פנחס. איך וועל אייך זאגען, אזוי לאנג וויא איך האב געהאלטען פון אייך זענט איהר ביי מיר געוועזען טהייערע געסט. אצונד אבער קאנט איהר א סימן האבען אין מיין איידים וואס איך נעהם אריין צו מיר אין שטוב אריין, אז איך געזעגען זיך מיט אייך אויף אייביג. אצונד זעה איך ארויס אז זייא זענען דיא חכמים, און איהר קאנט מעהר ניט מאכען נאר בראנפען טרונקען געהם איך געזונדערהייט!

חסידים. מיר וועלען עס מודיע זיין אלמדינג דעם רבין...

(סטודענטען לויפען און לאזען זייא ניט ארויס רעדען זייא ווארפען זייא ארויס, אללע לאפען חסידים אפ)

מאקס. (צו פנחסלין - זינגט) אז דאס איז גלייך
גאנץ שעהן פון אייך
אז איהר אליין זעהט וויא מיאוס עס קאן זיין
אצונד זעהט איין
וועלכעס הייסט פיין
אז יודס הייסט נאר דוקא דער געבילדעטער מאן



(אללע נעהמען זיך אן צו פארליך, זינגען און טאנצען זיך אונטער, סטודענטען נעהמען זיך אן אין אראד און טאנצען אויך)

האר. מיר זענען אללע, מז"ט... א. א. וו.

מאקס. איך דאנק אייך מיינע ליעבע לייט!

חאר. מיר ווינשען אללע, מז"ט... א. א. וו.

קני לעמיל. איך ד... דאנק אייך מיינע ל... ליעבע לייט!

חאר. מיר זענען אללע, מז"ט... א. א. וו.

(עס הערט געלאוט פייער ווערק, און דיא ביהנע ווערט עלעקטריש בעלייכטעט און וועהרענד זייא ענדיגען דאס געזאנג לאזט זיך דער פארהאנג שנעלל)

## ענדע

נאכדרוק און צו שפיעלען אויף דער ביהנע אהנע ערלויבניס פון דעם מחבר איז פערבאטען.
א. גאלדפאדען

ПЕРЕДОСТОРОЖЕНІЕ

Объ отвѣтственности по русскому, уголовному закону за перепечатаніе и представленіе пьесъ на сценѣ безъ согласія автора, опредѣленной въ § § 1683 и 1684 ст. уложен. о наказ.

Авторъ А. ГОЛЬДФАДЕНЪ

אין פֿערלאַג „פּראָגרעס“ איז ערשיענען פֿאָלגענדע יודישע לעהר ביכער:

## די מוטער שפּראַך

אַ בּעטאָדע צו לערנען לעזען און שרייבען יודיש.

מיט גראַממאַטיקאַלישע כּללים און איללוסטראַציעס אין טעקסט.

בייגעלעגט אַלע העבּרעאישע ווערטער, וואָס געהען אריין אין דער יודישער שפּראַך.

צוזאַמענגעשטעלט פֿון ז. און א. רייזען.

פּרייז 35 קאָפּ'.

## יודישע חרעסטאָמאַטיע

אַ לעזע-בוך פֿאַר שוהל און הויז.

געזאַמעלט פֿון די בעסטע ליטעראַרישע און וויסענשאַפֿטליכע קוועלען נאָך די נייעסטע מעטאָדעס מיט צייכנונגען און איללוס-טראַציעס.

דורך אברהם רייזען.

פּרייז 45 קאָפּ'.

## אַ פֿאָלשטענדיגע יודישע גראַמאַטיק

(עטימאָלאָגיע און סינטאַקסיס).

פֿערפֿאַסט פֿון זלמן רייזען.

פּרייז 50 קאָפּ'.

מיט בעשטעלונגען לויט אדרעסע:

Книгоиздательство „ПРОГРЕССЪ“
Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)